ק
PP 1-23
A.H. Dik

ס

# דער
# אוּנְצַייטִיגֶער בֶּעזוּך׃

אונ

## דֶער לֶעסְטִיגֶער גַאסְט

מאת א מ״ד.

ווילנא
בדפוס והוצאות האלמנה והאחים ראָם

שנת תרל״ט לפ״ק

ДЕРЪ УНЦЕЙТИГЕРЪ БЕЗУХЪ.
т. е.
Посѣщеніе не во время или незваный Гость.
Повѣсть А. М. Дика.

ВИЛЬНА.
Въ типографіи Вдовы и братьевъ Роммъ.
Жмудскій переулокъ дома №№ 327 и 328.
1878.

4

JG 78.1.25

Harvard College Library
Gift of
LEO WIENER,
Nov. 16, 1898.

Дозволено цензурою 7 Января 1878 года. Вильна.

1.

## אַלבּא לאנגא

מיט אַזאַר צעהען צוריק האבין מיך אונזערע ערצטע
…אקטאריב) פערשיקט אויף אַפּאר מאנאטע קיין אַלבּא לאנגא
…ם צוא באדען זיך דארט אין דעם קאלטהייסען בעער , יא
…הרשיקט , ווייל איך האב דיא צייט דארט פערלעבט ווירקליך
…א איין פערשיקטער דארט , אין דער גרעסטען ענטבעהרונג
…אנגעל) אין דיא נייטיגסטע בעדירפניסע דעם לעבענס , אונ
…ר צוא נאך אין דער גרעסטען לאנגווייליע (סקוטשנאסין) , דען
…יע שטעטעלע איזט קליין . ציילט קוים צוויא הונדערט
…יגער , ליגט אין איינער זאנד וויסטענייא אונ. איזט אפ געשניטען
…ין דרייא זייטען פון דער גאנצער וועלט דורך נאטירליכע אונ
…אליטישע גרענצען . דען אין איינער זייט פון איר בעגרענעצט
…דאס היים קאלטע מעער , פון דער צווייטען זייט
…רענעצט איר איינע גרויסע וואלדונג , פון דער דריטען זייט
…א קרייצישע. גרענצע , וואס וואר העכסט אונ שטריינג
…וואכט דאס קוים איין פויגעל האט געקאנט אריבער פליהען ,
…ן עס וואר אלע ווייליע געשאסען פון דארט אויף דיא פעקעל
…רער , אונ זיא שטיים אלזוי אין פערבינדונג ; מיט דער
…בעריגען וועלט נור דורך איינע פערוואקסענע וועג , וואס
…הרט בעפארען אין דיא שטילע ווינטער נעכט פון קאנטערע
…אנדיסטען , אונ אים זומער פון דיא באדע געסטע , וואס קומען
…ין אים צו פראלאנגירען (צוא פערלייגערען דארט) דעם סראק
…ן זייער לעבענספאס , דאס הייסט אום צו קורירען זיך , אונ
…ואם גראדע איינעם גרויסען פראצענט פון זייא ווערט נאך

דארט

דארט דער פאריגער סראק פון זייער לעבענס פאס יואס האל...
שוין ביי דער נייגע (אויס ניין) אויך פערקירצט אויס באַנגע...
אן אלע בעקוועמליכקייט (ווינאדעס) דעם לעבענס, דען ...
איזט אונבעגרייפליך צו טרינקען זייערע וואסער ווייל זייא זיינ...
געזאלצען אונ ביטער אונד עקעלהאפט, וויא דיא וואסער ...
דער זעע (ים), אונ מען ווערט געפלאגט דארט פון דורשט
אויך האבען זייא קיינע לאדאזונעס וואס מען זאל קענען ד...
האלטען דיא שפייזען פריש, אין דער גאנצען אומגעגענד איז
קיין לוסט גארטין דא, קיין שפאציר גאנג, זעלבסט קיי...
שמיבלעך צום באדען, אונ אזוי אויך איזט דארט אין ד...
קונארטירען נים אם מינדערכטען געזארגט פאר דיא באַ...
געסטע, עס פעלט דארטען אלעם, דען דיא דארטיגע איינוואוינ...
זיינען נור זאמענטענע יודען, גרויסע פאנאטיקער העק...
אינוויסענדע, האבין קיין געפיל פאר דיא ריינליכקייט, פאר די...
ארדענונג, דער גרעסטער טהייל פון זייא זיינען האנדוועקער...
הויזירער (קאראבעלניקעס), דיא איבעריגע גלאט סאחער יוד...
שיינקערליך, בטלנים, וואס ציהען היונה נור פון דיא באַ...
געסטע וואס קומען אהין, אונ דאך וואַרען זייא (דיא באַ...
געסטע) נים בעסער בעהאנדעלט פון זייא אלס דיא ישיבה לייט
אייגענע קעסטניקעס, דארט אין וואלאזען פון דיא וואלאזינער
בעלי בתים, דאס הייסט מיט דער גרעסטער געגוויע...
(סבעטליוואסין), אדער בעסער צו זאגין וויא עכטע פאסטע...
אונ וויא דיא ווארהייט צו זאגען זיינען דארט דיא אידע...
באדע געסטע קיינע בעסערע בעהאנדלונג ווערט, דען ז...
זיינען נים בעסער פאר דיא דארטיגע שטעטעל לייט, דען ז...
זיינען אייך סאמענטענע אידען, אונ על פי רוב גרויסע ארטאדאקס...
רבנימלעך פון קליינע שטעטליך, איידעמס מתמידים וואס האב...
זיך איבער געלערענט, מהם וואס לעבין פון פראצענטען...
איזט דארט נים צו זעהען נים איינעם פון דער קויפמאנ...
קלאסע



...אסע ווייל זייא האבין קיין צייט, אונ שיקין אהין פון יוצא
...ען זייערע פרויען מיט זייערע טעכטער, אבער פיל מעהר
... צוא מאן דארט אשידוך מיט זייא אלס אום צוא קורירען
..., דען עס קומען אהין אויך עלוים, בחורים, כאנבער נרוש,
...ן, אונ עס געשעהט זייער אפט דאס עס ברעכט
... אונטער דיא אידעשע באדע געסטע איינע
...עקליכע בהלה.

אויך דאס אידעשע ווייבליבעס געשלעכט פון דיא
...טיגע באדע געסטע זיינען נים וואס בעזאנדערס, נאך מיינעם
...אכטען וויא אויך איך בין קיין ראמאנען ריטער, ווער נים
...ע אונטער זייא, אין מיינעם זיין דארט, וואס איין מענש
...געשמאק זאל זיך קענען אין איר פערליבען, זיינען אלע דורך
...נג שווארץ מיט לאנגע נעזער, העכסט אונגעוויסענד, דער
...אך געקליידעט גאנץ גראטעסק (לעכערליך), זיינען בעהאנגען
... שמוק (צירונג) גאר איבער דיא מאסין (אן אשיעור),
...ען צווייערליי אוירינגלעך, איין פאר אין דיא אויערען,
... אנדערע פאר אנגעצעפעס אביהעל העכער אן דיא ציפקעס,
... האלדז איז פערהאנגען מיט גאלדענע קייטען ביז דער
...ניצע מיט שווערע אויבלען, מיט בינט פעריל, מיט שניר
...עלען, מיט שניר ברוכטין, אונ זעהען אלזוי אוים פיל מעהר
... איינע אויסגעפוצטע דאקע (פיגורקע) וואס איזט אויסגעשטעלט
... שילד (זאק) אין דעם פענסטער פון איינער בודע (קראם)
... צו צייגען דאס דארט איזט צו בעקומען דיזעס ארטען
... (צירונג). אלס איינע הויז פרויא אדער פרייאליין
... שטאנד.

אם מעהרסטען ווארען זיי דאמיט אויפפאלענד (וואונדערליך
...גראזו) אונ דער צוא נאך העכסט קאמיש (לעכערליך)
...א זייער ניין הערדען וויים (שטאדעס גאנצע) שפאצירען
... דיא קריסטליכע דאמען יואס ווארען דאן דארט פון
דעם

דעם העכסט קורישען אדעל וואס האבען זיך אוים געצייכענט גראדע דורך זייערע איינפאכע קליידונג, דען זיא ווארען געקליידעט נור אין פערקיילען, אונ איינגעהילט אין לייבטע וואלענע טיכער (פאציילעס), איך האב מיך מיט איינער פון אונזערע אידעשע דאמען בעשפראכען דאריבער, וואס האט מיר אוים געזעהען שוין פאר פיל וויסענדער אלם דיא איבעריגע בארע געסטע, דען זיא האט שוין איין ריינעם טייטש געשפראכען, "זיא שעמט איר אייך ניט" האב איך איר געזאגט "צו זיין אזוי רייך אונ צו גלייך אויך העכסט גראטעסק (גראוז אדער בונט) הינטער דיזע קריסטליבע דאמען וואס זיינען מיליאנערקעס, גראפינעס, וואס איר לעבט נור וויא צו זאגען פון דיא ברעקלעך וואס פאלען ארונטער פון זייערע טישען, דאס הייסט פון דעם וואס אייערע מענער פערדינען נור פון זייערע פראדוקטען וואס זייא קויפען ביא זייא אדער פון דיא וואארען (בהורות) וואס זייא קויפען אין אייערע קראמען, אונ דער צו נאך איזט יעדער קרעמער אדער קרעמערקע אדער פראדוקט הענדלער פערגעווים נאך הינטער שטעליג — איהר אנטוואָרט אבער וואר דום אונ פערדריסליך אונ דיא מיהע ניט ווערט עס נידער צו שרייבען היר, איינע לעהרע דאס מען מוז פאראוים וויסען אונ קענען דעם מענטשען מיט וועלכעם מען וויל וואס פערניפטיגעס ריידען, אונ וויא דער אמת איזט, איזט דיזער פעיער וואס מיר אידען האבין אין אונז צוא וועלען גלענצען, אונ צייגען זיך רייך אונ פארנעהם, זעלבסט אונטער פעלקערן וואס מיר לעבען אונטער זייא, אונ וואס מאנכע פון זייא האבען אונז, אוים רעליגיאן, איזט עס איינגעוואָרצעלט אין אונז שוין פון אלטע דאטען, וויא עס איזט צו לעזען אין אונזערע דברי הימים שבט יהודה, שארית ישראל*), מיר האבין שוין

דאן

*) אינזער פאטער יעקב וואר ניט דיזער מיינונג דאס מיר

אידען



נעמונג געליטען דער פאר, אונ בעצאלט גאנץ טייער דער מיט געמונג בלוט אונ געניג גוט, אונ ליידען נאך איצונד אין מאנכע לענדער דער פאר.

אלזוי מיינע טייערע לעזערין קיין וואונדער דאס איך מיך דארט העכסט לאנג ווייל ט, דען לא די וואס איך ניט געהאט דארט מיט וועמען איין ווארט צו וועקסלען, איך נאך געמוזט זייא אלעמען אוים מיידען דארט, דאמיט זאלען מיך ניט בערייידען, דען דאס וואר זייא צו קורץ שמונה עשרה, מיינע פאות, מיין ראק, מיינע הויזען לאנג, מיינע שטיוויל צו גלאנציג, מיין עסען, מיין טרינקען עסיג, דאס גלייכען מיין שטיבעלע צו ריין אונ צו ווייט. מיין גאנצער צייט פערטרייב וואר נור דאס מעער, אונ דאס מיין גאנץ אינטער האלטען זיך וואר נור מיט אים.

פון מיינער צארטעסטען קינדהייט אן האב איך געהאט גרויסע אהענזובט (פערלאנג) אים צו זעהען, אונ אים

צוא

זאלען אונז אריין ווייזען אין דער וועלט אלם גרויסע, אונ גרויסע דאמען, דען דער מדרש זאגט (סדר ע"ה) אויף דעם פסוק "ואני אתנהלה לאטי" דיזע ווערטער אתנהלה לאטי בפנים כרוכות כמה דת"מא" הנה היא בשמלה" דאס הייסט אלם עשו האט פאר געשלאגין דעם דאס ער זאל גלייך מיט אים אריין שרייטען אין גאטעם, וויא דער פסוק זאגט "נסעה ונלכה לנגדך", האט ער געענטפערט "יגיין ברודער" "אתנהלה לאטי" איך וועל גאנץ אונ פערהילטער הייט אריין שרייטען אין דער וועלט מיינע ארעמע געשעפטען, אונ מיין געזינדעל לרגל והילדים אשר אתי. ואתה קורא נעים עליך לבאר לפני ובתך את המאמר הזה שמה בשלמות ותביא ברכה לביתך.

צו בעטראכטען, ביי מיינעם ערשטען דער זעהע איך בין איך געבליבען אויסער זיך פון גרויס דערשטוינונג (התפעלות). איך בין געבליבען שטיין ווי איינע פארשטיינערטע בילד ז"ל (שטאטיט) דאס איך האב מיך פערגעסען אין מיינע גרימינע שמערצען דאן, דען איך האב דאן געליטען אויף איין שרעקליכען ראמאטיס, איך האב מיך פערגעסען אין מיינער היימאט (היים) און אין אללעס וואס מיר גיר ליב וואר, און איך וואלט פערגעדיס פערבליבען אין דיזער זעהע בעטייבונג פערטומלונג איינע אייביגקייט, ווען איך וואלט נים געווארען געשטערט, דורך איינעם צווייטען וואס האט מיך דעם ערסטען מאל אהין בעגלייטעט (געפיהרט), עס וואר דאן צעהען דער זייגער מארגענס, און דאס מעער וואר אין זיין רעכטען שפיל, דען עס וואר דאן שטורעם, און עס וואר איין גרויסער וועללען שלאג, איינע וועללע האט זיך נאך געיאגט נאך דער צווייטע אום איבער צו שטייגען איר, און האבין זיך ווי צוא יאגען איינע מיט דער אנדערע געבארעט (געראנגעלט) מיט איינעם גרויסען רויבען און לארעם ביז זיי זייען געקומען צום ברעג און זיינען ביידע צערשלאגען און צערפאלען געווארען, זייגע געווארען צוא וואסער און געקערט זיך צוריק מיט שאום איינם מעער, אפיל פון זייא האבין געשטראהלט ווי ראקעטעס ארויף געגען היכעל, אפייל געפלויגען איבער מעער ווי שלאנגען מיט איינעם שרעקליכען פייפען, אפייל זייגע געפלויגען העכער ווי פייגלען פון אבויגען, און מאנכע מאל האט דאס מעער אין גאנצען געקאכט ווי אין אקעסעל, קורץ געזאגט, איך האב דאס מעער בעטראכטעט פיל מעהר אלס אנדערע באדע נאסטע וואס וואהרען דארט, דאס ער וואר מיר דאן איין דייטליכער קאמענטאר (ביאור) אויף הונדערטע פסוקים וואס ריידען פון אים אין אונזערע כתבי קודש (תנ"ך), און האב באלד נאך מיינעם ערסטען בעזוך וואס איך האב אים געמאכט געשריבען



…שריבען צהיים "באתי הימה, והנה ה' שמה".

פירכטערליך איז דאס מעער אלס ער ברויזעט (לארעמט) … זעהט דאן אוים ווי איין גערייצטער לעווע (לייב) וואס … קאפאנעל אלעס צו פערשלינגען, און וואלט גם פאר … שוין לאנג געטאן ווען ער וואלט ניזען ניט געהעכט … (געהאלטען) דורך דיא מעכטיגע קעטע (קיים) גאטעס, און … איזט דער זאמדיגער ברעג, ווי דער פסוק זאגט "אשר … שתי חול גבול לים חק עולם ולא יעברנהו וגו' והמו גליו וגו'" … הייסט גאט זאגט צוא דיא ישראל "האותי לא תיראו" מיך … איר נאך ניט פירכטען וואס ביך פירכטעט דער מעער, … ער וואגט זיך ניט איבער צוא טרעטען דעם שוואכען … גרענעץ וואס איך האב ארום אים געמאכט זעלבסט … זיינער גרעסטען אונרוהע, אלס זיינע וועללען און זיינע … שוימען אונד צירנען. און זיינען אין בעגריף (בדעה) … פערפלייצען דיא גאנצע וועלט, האבין אבער גרוים רעספעקט … (אויגע) פאר דיזען קליינעם און נידעריגען זעמדיגען וואל וואס … קען אים איבער שפרינגען, און נייבען צוא צוריק און … ווי געפאנגענע אין זייער שראנקען (בעגרענעצטען ארט).

יא פירכטערליך איז דאס מעער אלס ער ברויזעט … (לארעמט) אונד ניט ווייניגער אויך שרעקליך און געפעהרליך … ער זעלבסט אלס ער איז שטיל אונד רוהיג, און שיינט … געשלומערט צו זיין, איך זאגע דיר מיינע טייערע לעזערין, … איזט אים דאן אויך ניט צו טרויען, איך זאג עס דיר אויס … ערפאהרונג (נעגיטקייט) *) אונד געוואגט (פאלאיעס) דאס

ער

*) איך אלס פריץ ניט וויסענדיג נאך זיינע חצות, האב … ביי מיינעם ערווייסען אים שטיל און רוהיג אנידער געלייגט … אים הארט ביי דעם ברעג אויף דעם זאמד, און האב … אין אספר ביז איך האב אנגעהויבין צו שלומערען, קוים

אבער

ער איז ווירקליך איינגעשלאפען איז, איז ער אבער הייבש ציטעריג (לייכט אויפצוועקן צו ווערן) און ערוואכט זיך מיט גרוים לארעם און צארן וועלכעס דורך איינעם לייכטען ווינקעלע, ווייל דאס שפריכווארט זאגט וואס איז נאך אזוי פשוטערליך ווי דאס מעער.

בעקר פאר אלץ האט מיר אטיודעס (פערגעניגם) צוא זעהען דארט דאס אנבער גיין פון דער זון איבער דעם מעער, נאך אין מיינעם לעבען האב איך ניט געזעהן אזוי איין שיינעם פייערווערק, אזוי איין שיינעם פארבען שפיל, דען עס ערגיסט זיך אין איר דאן און ביישט זיך אלע קאלארען פון דער וועלט און אלע פאלען אריין אין איינעם בלאסק פון פורפורסטען גאלד און זילבער, און ביי דיזע אלע נאטור שעצענען, האב איך העכסט געליטען פון לאנגווייליגקייט, דען דער מענשליכער גייסט וויל נור וואס גייסטיגעס (רוחניות), און דיזעס איז צו בעקומען נור ביי איינעם צווייטען מענשען, אבער ניט ביי דער טויטער נאטור, און אזוי איינער האט מיר דארט געפעלט דעם גאנצען ערשטען מאנאט, אין דעם צווייטען מאנאט אבער האב איך שוין בעקומען איינע מיטגליד (טעמע) געזעלשאפט אין איינער איידעלער קהלישער פאמיליע האניקס.

ב.

די פאמיליע האניקס.

דיזע פאמיליע איז בעשטאנען אין פיר פערזאנען פאן און פרויא, און צווייא קינדער, זון און טאכטער, דער נער מאן

אבער האב איך צו געבראכט די איניגע, האט ער מיר דער לאנגע אפלאסק מיט איינער ... איבער דעם געוויבט און האט צוא געגעבען פון מיר דעם כעס. און נאך איין שנעפסעל דער צו, עס וואר אבער נור איין שפאס פון אים, דען ער האט עס מיר אפגעגעבען באלד צוריק.



...ן וואס האט געהייסען מארקוס וואר שוין דאן איאר פופציג ...ן שיינער מאנספערזאן, איין רייכער קויפמאן, איין גוטער ...לט מאן, וואר איינע מאסען געבילדעט, און וואר ...ן ציילען גוטער מענטש, העכסט געזעלשאפטליך (האט ליב ...אט געזעלשאפט) און וואר פון העכסט פריילעכן הומאר ...אספלאזענע דוך), זיינע פרויא בלומע, איינע בליהענד ...ע דאמע און גוט געבילדעט, און העכסט ווירטשאפטליך ...ר מיט זעקס יאר אינגער פאר אים, די טאכטער וואר דאן ... דרייא און צוואנציג יאר, איינע לעבעדיגע ראזע, און ... האט זיא אויך געהייסען, גענוג שיין, גענוג געבילדעט, ... פון דער בעסטע ערציהונג, זיא וואר שוין דאן פערלאבט ...גסט) מיט איינעם יונגען קויפמאן וואס האט דורך ...בט די קויפמאן שולע דארט אין דאנציג, דער זון וואר ...אלט איאר צוואנציג וואס האט שוין בעענדעט דעם ...נאזיום און וואר שוין אין בעגריף (בדעה) צוא בעציהען ... איניווערזיטעט, זיין נאמען וואר איזאק, איין גוטער יונגע ... און קלוג מיט די בעסטע פעהיגקייטען (שפאסאבנאסטן).

דיזע פאמיליע האבין זיך איין געקוואטירט ביי דעם ...גען ווירט וואס איך בין דארט איינגעשטאנען ביי איינעם ...ר בויער, וואס האט געוואוינט אם ענדע דער שטעטעל, ... ביי דער גרענעצע, נעבען וואלד און גאנץ ניט ... פון מעער, דיזער פישער וואר וואויל האבענד (רייך) ...אט אוים געבויט היזער זייער בעקוועמע (וויגאדנע) נור ...ארע געסטע, און האב אלזוי שוין גיהאט איינע טעמע ...גנהייט צוא מאכען מיך בעקאנט מיט דיזער ווירדיגע ...ע ערסטענס ווייל מיר ווארען דאך שוין גאנץ נאהענטע ...ארען) שכנים, דען מיר האבין דאך ווי געזאגט שוין ...ירט אין איינער שטעדע, צווייטענס, האט מיך די ... בלומע דער וויסט דארט אין דער אלטאנקע האלטענדיג

לאטארטינם

דאמארטינס רייזען איבער פאלעסטינע (דאס הייסט אזוי אבוך
וואס דער גרויסער פראנצויזישער מיניסטער לאמארטין האט אין
אים בעשריבען זיינע רייזען איבער ארץ ישראל) אונ האט מיך
אין אנפאנג בעוואונדערט דאס איין ליטוואק זאל פערשטיין איין
דייטשעס ווערק , אונ זאל זיך עס ערלויבען צוא לעזען ,
בפרט נאך דארט אין אלבא לאנגא , וואס איזט איינע העכסט
ארטאדאקשישע (אלט מאדערנע שטעטעל) , אונ האט אלזוי
אנגעשפונען איין געשפרעך מיט מיר דאריבער , אונ איך האב
איר גיגעבין איין פיל בעסערען בעשייד דאריבער אלס זיא האט
פערמוטהעט (געמיינט) אונ האט מיך געבעטען דאס איך זאל איר
בעזוכען , אונ מער וויא דיזעס האב איך ניט גערארפט , דען
מיר ווארען נייטיג געזעלענשאפט , פיל מעהר אלס דיא וואסער
פון דער זעע (מעער) וואס צו ליב זייא בין איך היר געקומען ,
אונ בין אויפגינומען גיווארין פון איר זייער העפליך , אונ האט
מיך פאר גישטעלט פאר איר גאנצע פאמיליע דאס איך בין
איין בעלעזענער מענטש , אונ וואס געהערט שוין מעהר צוא
דער נייע פאקאלעניע אלס צו דער אלטען , אונ דער מאן דער
מארקוס האט מיר פריינדליך דיא האנד געדרייכט אונ האט זיך
דער ביא געפרייט דאס ער האט אזוי איינעם וויא איך פאר
איין נאכבאר (שכן) וואס ער וועט זיך קענען מיט אים אונטער
האלטען , אונ מאנכע שטונדען פערברייגנען אין איינעם
פערטרויטען געשפרעך , וואס דא אין אלבא לאנגא איזט עס
ניט צו בעקומען , פון יענעם טאג אן וואר איך שוין זייער גאסט
אלע מאל צוא טייא , זייער אפט צוא מיטאג , אויך זייער
בעגלייטער אויף מאנכען שפאצירגאנג , צו זאמען זיך געבאדעט ,
אונ אין פערלויף פון פינף טעג נאך אונזערע ערסטע
בעקאנשאפט , האבין זיי מיך שוין איינגעווייהעט (איינגעהיילינגט)
אין זייערע פאמיליען געהיימנים , אונ האבין זיך בעראטהען מיט
מיר איבער וויכטיגע ענינים , אונ בין גיווארין ביא זייא זייער
אראקעל



אראקעל (אורים ותומים), אזוי איין ווייטען צו טרויען האבין
זייא צו מיר געפאסט (בעקומען) , אונ בין זייא גיווארין אלזוי
פיל ניצליכער אונ ענטבעהרליכער (נייטיגער אלס זייא מיר ,
דאך פון דיזע אלע אנגעלעגענהייטען קיין ווארט היר, ערסטענס
וייל זייא זיינען מיר אנגעטרויט גיווארין אונטער דעם זיגעל
פון געהיימנים (בכור) אונ צווייטענס וועסט דו מיינע טייערע
לעזערין גאנץ ווייניג פראפיטירן (ניצען ציהען) פון דיזע
פאמיליען געהיימניסע פאר דיין הייזליכעם לעבען וואס דיזעס
איזט דער הויפט ציל פון אלע מיינע ביז העריגע ערציילונגען
אונ דאהער וועל איך דיר דא מיטטיילען נור מאנכע אזוי
גינאנטע קאנפערזאטיפע (אונטערהאלטענדע אונ בעלערענדע)
געשפרעכע , אונ אזוי אויך ערציילונגען וואס מיר האבין דארט
אין דיזעם קליינעם קרייז מיט איינאנדער גישפראכען אונ איינער
דעם אנדערען דער ציילט , וואס קענען דיר זייער פיל ביא
טראגין אונ איינלייכטען (בעלערנען) אזוי אין דיינער הויזהאלטונג
(ווירטשאפטליכען לעבין) אונ אזוי אויך אין דיינעם אומגאנג
מיט לייטען .

איך וועל דיר דא דער ציילען צוויא קליינע ערציילונגען
איינע וואס איך האב גיהערט פון דער מאדאם בלומע האניקעס ,
אונ איינע פון מיר פערפאסער זעלבסט . איהרע וועט פאר קומען
אונטער דעם טיטעל «אונצייטיגער בעזוך» אונ מיינע אונטער
דעם טיטעל «דער לעסטיגער גאסט», אונ אם ענדע איינע
פערהאנדלונג (שמועס) איבער דיא גאסט פרייהייט (הכנסת
אורחים) אויך פון מיר וואס איך האב דארט גישפראכען אין
איינעם אזענד וואס ווארען דארט געלאדען פילע האכצייטס
געסטע (חתונה לייט) וואס וואר אונטער זייא אויך איין
דייטשער פריירינגער*) .

אנלאם

*) דארט אין אלבא לאנגא וואוינען מער אלס צוואנציג
אידעשע

אנלאס (איראך) דער צו (דאס הייסט צו דיזע ערצייהלונגען
אונ צו מיינעם גישפרעך) האט גיגעבען דיא גרויסע בעטלעריי,
וואס דארט וואר איבער דיא בארע צייט, אונ דאס אויפפירונגען
זיך ווא צוא זאגין מיט געוואלד צוא זייער טיש. דען דיזע
האניקשע פאמיליע האבין גילעבט אזוי צו הויזע אונ אזוי אויך
הער אויף דער גאנץ אידעשען פוס, דאס הייסט איינע העכסט
כשרה קוך, אונ אפ געהיט דעם דאבענען מיט אלע זיבען זאכען,
אונ דער צו נאך מיט איינער אפענע האנד, דען עס וואר
גיגעבין נדבות גרויסע אונ קליינע, אונ מאנכע מאל פלעגט איך
נאך דער וויכען מאנכען פרעמדע פון דיא דאמאליג בארע
געסטע ביא זייער טיש. ליידער וואר דיזע פריינגעביקיים פון
דיזער איידעלע פאמיליע העכסט מיסברויכט (שלעכט בענוצט)
גיווארין פון דיא דארטיגע ארעמע אדער נייסטליכע (דוחאוונגע)
וואס זיינען צו זאמען גיפארין פון דיא ארומיגע שטעט קיין
אלבא לאנגא, פיל מעהר אום דארט נור צו בעטלען אלס זיך
צו באדען דאס עס וואר אלע טאג קאלעקטירט (נדבות געזאמעלט)
פאר זייא, וועהרענד (בשעה) זייא זעלבסט פלעגען גיין פון
הויז צו הויז נדבות קלייבען, מען האט ניט אויסגעגילאיט

זעלבסט

---

אידעשע אויסלענדעשע פאמיליען, וואס זיינען צמאר העכסט
רייך אבער וויא אונטער אונז געזאגט גאנץ ווייט פון אידעשקייט
אונ שטייען אין איינער גרויסען אפאזאציאן (התנגדות) מיט דיא
שטעטעל לייט, אונ מיט דיא דארטיגע בארע געסטע, אונ
דאהער אלס איינער דארף תחינה מאכען אטאבטער, טו די
אפ אבטען פון אויכלאנד, אחוץ מיט אפריידיגער וואס זאל כסדר
קדושין זיין, אזוי אזוייטע שפאלטונג (פרוד לבבות) געפינט זיך
אינטער אונזערע ברידער, אונ מיר בעטען דאס משיח זאל
קומען במהרה בימינו.



זעלבסט קיין פארנעהמען קריסטליכען בארע געסטע*) עס וואר
קיין טאג וואס זיא (דיזע פאמיליע) וואר ניט בעאונרוהיגט פון
זיינעם האלבען טוצען אזעלכע בעזוכער, אונ וואס האבין
מיר פיל מעהר בעלאסטעט מיט זייער פערבלייבען דארט צוא
אלבע אונ צו גאנצע שטונדען אום מאנכער צו דער ציילען
יר (דער פאמיליען) זיינע מיסליכע שלעכטע אומשטענדע,
ען מאנכע אום תודה צוא זאגין, האבין מיר (דיזע פאמיליע)
לאסטעט דער מיט פיל מער אלס מיט דעם בעטלען איינע
ה פון איר (פון דיזער פאמיליע).

אם מעהרסטען האט גיליטען דיא מאדאם בלומע פון דיא
ומע סאמענטענע פרויען וואס אמייל זיינען גיקומען צו איר
לס קאלעקטע מאכערינען (אויסנעהמערקע) אונ אמייל אלס
טע בעקאנטע, אונ היפלס ביטענדע דאס הייסט אום אוים
העלפען זיא ביא איינער טאכטער פערהייראטהונג, אונ
עגע זיך זייער אפט גאנץ אונ גאר פערגעסען אוועק צו גיין,
ע פלעגען צו פערבלייבען דארט ביא איר ביז מיטאג
ים, וואס זיא דיא מאדאם וואר שוין געצוואונגען צו בעטען
א צום טיש, אונ זייא ווארען גאר קיינע חזירים אום דיזע
ענע אונ צוא גלייך נור צערעבאנאלע איינלאדונג צוא
ואנען, אונ האבין מיט געשפייזט מיט גאנץ גוטען אפעטיט,
דאס גלייכען פלעגען צוא בענוצען אזעלכע גילעגענהייטען

פילע

---

*) אלס איך תאר דארט ווארען דארט פילע אידעשע
ע געסט וואס האבין זיך דארט גיבאדען נור אויף דיא
טען פון דיא אנדערע בארע געסטע אונ צו אונזערער שאנדע
ר דארט קיין קריסטליכער ארעמער וואס זאל גיקומען זיין
ארירען זיך אויף דעם אנדערענס רעכנונג, עס ווארען נור
טען וואס ווארען אין שטאנד צוא בעשטרייטען זעלבסט
ע דארטיגע קאסטען.

פילע פון דיא אנגעפארענע דוהאונע , אונ דיזע פאמיליע וואו
העכסט גערייגקט דער פון , דאס איינמאל איז שוין אזוי וויי
דיא מאדאם בלומע ארויס פון גערולד דאריבער דאס זיא הא
גימוזט שוין אויס רייידען איר הארץ פאר מיר אלס איך ב
גיקומען אהין צוא דער מייא שטונדע אין איינעם שטירמי
אווענד דאס זיא וואר שוין ביא זיך געזיבערט פון אזעלכ
בעזוכערינען . «מיין בעסטער פריינד» האט זיא זיך אפגירופ
צו מיר ביא אירעם ערזעהען מיך, «איך האב אייך צו דאנק
פיר וואהר וויא אונטער אונז געזאגט פאר מאנכען גוטען ראה
גון מיין בעסטער קענט איר מיר גיט אפט וואס גוטעס ראט
וויא לויז צו ווערען פון אונגעבעטענע אונ לעסטיגע בעזוכ
איך שווערע אייך ביא אלעם וואס היילינ איז דאס איך
היינטיגען טאג איינע גאנץ פערטוצעטע דער פון , עס וואר ב
מיר היינט דיא רעביצען פאן טראעם איזט זיא ביא מיר
גיזעסען גאנצע פינף שטונדען אונ האט מיר איבער דיזע נא
צייט (אויס גענומען דיא צייט פון איר עסען מיטאג ביא
גערורעט דעם מוה מיט איהרע הייליבע ענינים , וויא זיא ל
מיט דעם מאן דעם רב אונ וואס פאר אמענטש ער איזט ,
וויא זיא איזט גיאכטעט אין איר שטאט , אונ דער נאך
איר בת יחידה וואס איזט שוין פערקנסט , וואס פאר אפשי
זיא איזט , דאס זיא האט גיט איר גלייבען , אונ היינט
פאר איין עילוי דער חתן איהרער איז , דאס ער איזט
מעהר קלאר אלס אין כל התורה כלה , אונ אלס פינף
ווירערהאלט (איבער חזרט) אונ אויסגעלאזט האט זיך ד
לאנגער געשפרעך דאס עס פעלט איר נאך אויף קליידער
אויף הוצאות ההתונה , אונ האט אלזוי פערלאנגט דאס
מיט דער מאדאם פעכטעל זאלען חוץ אונזער איינענע נ
נאך ניין קאלעקטירען , וויא אויך עס האט מיך דיזעס אנט
כיה העכסט פערדראסען , אונ העכסט גיערגערט , דאס
האב



האב איר גידארפט דעם רוקען צו ווענדען , ביא אלעם דעם
האב איך מיך בעצוואונגען , אונ האב איר גיענטפערט גאנץ
געלאסען «ליבע רעביצען» האב איך מיך אפגירופין צוא איר
דאס איזט צו פיל פערלאנגט פון מיר, אין מיינעם לעבען וואר איך
קיינע אויס נעהמערין , אונ צווייטענס וועט עס מיין מאן גיט
וועלען ליידען , זייא מוזען זיך ווענדען צו איינער אנדערען
פערזאן וואס פערשטייט זיך אויף דיזע ענינים בעסער וויא איך ,
אונ וואס איר מאן וועט איר גיט שטערען אין דעם , אונ דער
פאר האט איר פון מיר איינע צווייא פאבען (געטאפעלטע) נדבה
דארויף אלס איך האב גערייגקט אייך «צו געבין דארויף» איך האב
גיגעבין זעקס הארטע טאלער אונ בין באלד לויז גיווארין פון
איר , אונ וויא עס שיינט מיר איזט זיא מער גיט וויא דאס
אויסען גיוועז, «נון זאגט מיר מיין פריינד וויא ווערט מען לויז
דער פון» , דאס איז שוין ביא אונז אידען מאדאם «האב איך
איר גיענטפערט» איין גאנץ פעריערטער (לאנגאנידינער איבעל)
פעהלער) איין מאראלישער (זיטליכער) איבעל וואס זעלבסט
אונזערע חכמים האבין זיך דאריבער בעקלאגט , אונ עס איזט
שוין גאנץ אונמעגליך אויס צו קורירין , דען געבען צדקה מוז
מען אזוי מן התורה אונ אזוי אויך לויט מענטשליכקייט , אונ
ביא אלעם דעם מוז מען מיט דיזער מצוה העכסט פארזיכטיג
זיין , העכסט אקאנאמיש זיך בעגיין , זאגסט איז זיא (דיא מדה
פון צדקה) פיל מעהר שעדליך פאר דיא מענטשליכע גיזעלשאפט
אלס ניצליך , דען עס ווערען דורך דעם פערמעהרט בעטלער אונ
ליידיג גייער אינם לאנד ,דען דאס בעטעל ברויט פערשמעקט
יעדעם פוילער , אונ דיזע זיינען פיל מעהר אינם לאנד אלס
גלייסיגע , אונ בפרט נאך אונטער אונז אידען וואס עס איזט זייא
זייער לייכט צו פערקריכין זיך אין דיא ברייטע פאלבען פון
אונזער גרוסע רעליגיאן , דאס הייסט צוא מאכען זיך פאר
איין ארעם בתיר , פאר איין ארעם למדן , פאר איין פרוש ,

פאר איין תהלים זאגער , פאר אפרומען אידען , פאר גלאט
אבטלן אונ דאס גלייכען אונ לעבען נור אויף דעם רעכענונג
פון דעם צווייטען וואס איז פלייסיג אונ טהעטיג .

אונ חוץ דעם ווען מען איזט ניט פארזיכטיג ביי צדקה
געבין , ווערט זיא מיט דער צייט גאר איינע (מצוה הבאה
בעבירה) , דאס הייסט איינע וואוילטהאט וואס איזט פערמישט
מיט איינער זינדע , ווייל פריא אדער שפעט ווערט דער
בעל צדקה העכסט בעלאסטעט פון מקבלים אונ פון קאלעקטירער
(אוים נעהמער) , דאס ער האט נאכהער גאנץ הרטה (בערייעט)
וואס ער האט זיך גאר צו גילאזען צו איר (צו דיזער מצוה) ,
אונ מוז אלזוי אנהייבען צו שפילען דער ביי איינע גאנץ פאלשע
ראלע , דאס הייסט ער הייבט שוין אן צו געבין צדקה נור צום
שיין אבער ניט פון גוטען הערצען, ער צייגט זיך דער ביי
פריינדליך פאר דעם קאלעקטירער (נדבות קלייבער) ווערהרענד
בשעת עס קאכט אין זיינעם אינערען וויא אין אקעסעל , אונ
בערייעט אלזוי דיא גוטעס וואס ער האט גיטאן ביז אהער מיט
דיא מקבלים , אונ טוט ווייטער גוטעס (צדקה) גאנץ ווידער
זיינעם ווילען , אונ אזוי ווערט דורך דעם פון דעם גרעסטע
תמים וואס האט אימער גישפראכען נור וואס ער מיינט אין
זיינעם הערצען , איין פאלשער , איין צווייא צינגינגער דאס
הייסט אזוי איינער וואס רעדעט בלב ולב , דאס הייסט אנדערש
וויא ער דיינקט , אונ וויא ער האנדעלט (טוהט) , דער צו
נאך האב איך שוין מעהר אלס איין מאל גיזעהען דאס גרויסע
בעלי צדקות זיינען גיווארין דורך דעם גרויסע יורדים אונ זיינען
דער נאך גיווארין אליין מקבלים .

אונ דאך ביי אלעם דעם מאדאמע געדולדען זייא זיך
אונ בענדען זייא גאנץ רוהיג אונ געטראסט איהרע פרומע
ראלע וואס זייא האבין דא שוין אמאל אנגעהויבין צו שפילען
איבער דיא קורצע בארע צייט , דען איך גלויבע דאס ביי
אייך



אייך אין קורלאנד , זיינען פיל ווייניגער מקבלים :(בעטלער)
אלס דא , אין אונזער ליטע , אונ דיא ווינציגע וואס זיינען
דא ביי אייך זיינען ניט אזוי צוא דרינגליך (נאטרענטנע)
וויא דיא היזיגע .

"א ! גאנץ געווים" האט זיא זיך אפגערופען "ביי אונז
אין קורלאנד זעהט מען קיין ארעמע לייט אומגייענדיג איבער
דיא הייזער וויא אין אייערע לענדער , ערסטענס ווייל זייא
זיינען ביי אונז גאנץ ווייניג ווייל ביי אונז ווערען דיא קינדער
פיל בעסער ערצויגין אלס ביי אייך , אלע בעזוכען אשול ,
דאס הייסט אדרייא קלאסנע פאלקס שולכעל וואס ווערט אין
זייא גילערענט דיא לאנדעס שפראכע , שרייבין אונ רעכענען ,
אונ נאך הער ווערט פון זייא ענטוועדער גוטע האנד ווערקער ,
אדער גוטע קאמיען (שלויזאשצען) אין גישעפטען, גוטע קויפלייטע,
אדער קינסטלער, אדר שטודירען, אונ אזוי ווייטער דאס בכלל ווערט
פון זייא גיצליכע מענטשען וואס ווילען אונ פערשטייען צוא
לייך צו פערדינען זייער ברויט אין עהרען (בכבוד) , אונ דיא
ווינציגע וואס זיינען ניט אין שטאנד עס צו פערדינען , אוים
קראנקהייט , אוים עלטער , אדער אוים אנדערע אונגליקען, לאזט
מען זייא שוין ניט צוא שאנדע קומען דאס זייא זאלען בעטלען
גיין , ניין זייא ווערען שוין אין עהרען גינערט פון צדקה גדולה ,
צוואר עס ווערט ביי אונז אויך צייטענווייס קאלעקטירט
(נדבות געקליבין) פיר איינער מאנכע פעראונגליקטע פאמיליע
פון שטאנד , דאך געשיהעט עס גאנץ זעלטען , אונ דאס אויך
געשיהעט עס נור דורך פארנעהמע הערען אונ דאמען, אבער ניט
דורך הינט אונ שפונט אונ אלע ווייליע , דא לאזט מען דאך
גאר גיט לעבען , אלעם בעטעלט צו פאר זיך צו פאר איינעם
אנדערען , דאס איך בין שוין פון געדולד ארויס , אונ זאג
אייך באמונה דאס דעם ערסטען מאל אין מיינעם לעבען
טרעפט ער מיר נור דא דאס איך זאל אנדערש דיינקען אלס איך
רייד

רייד און האנדעל , און נעהמע עס אן פאר איינע געטליכע שטראפע פאר דעם וואס איך האב מיך אין דיזעם פונקט פערזינדיגט געגען מיינע זעליגע (געשטארבענע) מוטער, דאס איך האב איר אמאל צו ריידע גישטעלט (אויסגירעט) אין מיינער קינדהייט פאר וואס זיא האט געשפילט אפאלשע ראלע ביא איינם אונצייטיגען בעזוך , (דאס הייסט ביא אזוי איין בעזוך פון איינער פארנעהמע דאמע וואס האט איר (מיינער מוטער) נימאכט ניט צו איינער געלעגענע (געהעריגע) צייט וואס מיר ווארען דאמיט אין אונזער שוין ציוויליזירטע (אויסגעבילדעטע) קורלאנד פיל מעהר געפלאגט אלס איר אין איער אונגעהובעלטע ליטע , זיא (מיינע מוטער) ווארדאן העכסט פערדריכליך און העכסט געקריינקט אויף איר קומען דאן צו איר אויף איין בעזוך מיט איר פאמיליע , דען זיא וואר דאן העכסט בעשעפטיגט מיט איינעם נייטיגען בריף שרייבין צו איהרער מוטער , און זיא האט איר גאנץ גישטערט אין דעם מעהר אלס דריא שטונדען דאס זיא האט פערזאמט דיא פאצט , און ביא אלעם דעם האט זיא זיך געצייגט געגען איר העכסט פריינדליך און העכסט דאנקבאר פאר איר בעזוך וואס זיא האט איר נימאכט , און האט איר נאך בעשווארען דאס זיא זאל איר בעזוכען נאך אמאל אין דער צווייטע וואך , און איך וואס איך האב נאך פון מיינעם ערכטען אנזיגען מיינער מוטער פון איר קוכען צוא איר גאנץ גוט גיוואוסט וויא העכסט זיא (דיא מוטער) אונצופרידען מיט דיזעם אונצייטיגען בעזוך איזט , דאס זיא האט דאן דיא פעדער איהרע מיט אינגרים (כעס) צו דער ערד גיווארפען , און האט דער ביא גיזאגט „דער ניט גוטע דריטע זייא אהער" האב עס מיינער מוטער אין מיינער דאמאליגע דומקהייט עס אויסערעט איר . „מוטער" האב איך איר דאן גיזאגט „איר וואס איר זייט דיא ערליכקייט אליין , איר וואס איר פרעדיגט (דרשה) אימער אינז פון דיא ערליכקייט , פון דיא אויפריכטיקייט (תמימות) דאס

מען



מען זאל אימער ריידען וויא מען דענקט , און ניט אנדערש , וואלט איר שפילען איצונד אזוי איינע פאלשע ראלע ביא אזוי איינעם פריינדליכען בעזוך ?" .

מיינע זעליגע מוטער וואר פון מיין אויסרייד עפעס רויטליך וויא פערשעמט , און האט מיר דארויף גיענטפערט גאנץ פריינדליך „מיין ליבעס קינד" האט זיא זיך דאן אפגירופען צו מיר „איינע אנטווארט אויף דיינע איצטיגע פראגע וועסט דוא בעקומען פון דער וועלט ערסט אין איאר צוועלף דרייצען ארום (איך וואר דאן צוועלף יאר אלט) דער ווייל מיין קינד געדולדע דיך , און פערבלייבע אויף ריכטיג (נאאיף , תמימה , אונשולדיג) וויא דיינע מוטער דיך לערענט , דיר פעלט נאך פראקטיס אין גאנצעם וועלט , פארענדיג אין דעם בעסטען עקיפאז מיט דיא בעסטע פערד מוז מען אויך זייער אפט אונטער גיין צוא פוס" איך האב מיינע מוטער צוואר גיפאלגט בין געבליבין אויפריכטיג (תמימה) וויא פריהער, דיא אנטווארט איהרע אבער איז מיר געבליבין אונפערשטענדליך ביז איך בין זעלבסט איינע הויז ווירטין , איינע דאמע גיווארין , און דא אין אלבא לאנגא האט שוין דיא געטליכע פערנעלטונג גיהאט שוין איינע גוטע גילעגענהייט צו בעשטראפין מיך מיט דעם דאס איך זאל זעלבסט בעגיין דיא זעלבע זינד פר וועלכע איך האב אין מיינער קינדהייט צו רעדע גישטעלט (אוים גירעט) מיינע מוטער .

און ווען איך שוין איינמאל שפרעכע דער פון קען איך מיך שוין ניט אפ האלטען פון צו דער ציילען אייך וויא יענער דאמאהליגער בעזוך איז צו גיגאנגען , ערסטענס וועט עס זיין איין שיינעם צייט פערטרייב דען עס איז דר ביא דא פילעס צו לאכען , און צווייטענס איז עס איינע לעהרע פיר יעדען אום צו וויסין וויא צו בעגיין זיך ביא איינעם בעזוך , דען מען מוז דער ביא העכסט אומזיכטיג זיין , ערסטענס מוז מען ביא זיך וויסין צוא וועט מען ווירקליך איין ווילקאמענער (גוטער) גאסט

זיין

A BOURGEOIS ETTIQUETTE GUIDE

זיין ביי דער פערזאן וואס מען וויל, איר בעזוכען , צווייטענס
צו וועט יענער זיין אין שטאנד אויף צו נעמען דיך וויא גיהעריג,
צו וועט עס ניט זיין איבער איהרע קרעפטען אדער צו וועט
איר דיין ערשיינען צו איר פלעצליך ניט מאכען קאנפוז (מאכען
איר פערלעגען אדער מבויש) ווייל ניט זיא ניט איר הויז וועלען
זיין וויא געהעריג צו געקליבען , דריטענס דארפסט דוא בעזוכער
אדער בעזוכערין ערצילען (מכוון זיין) דיא רעכטע טעמפא
(צייט) ווען צו בעזוכען איר , דען יעדע פערזאן האט דאך
איהרע געוויסע צייטען צו עסען , צו שלאפען , צו שרייבען ,
צו לעזען , גישעפטע צו מאכען , אונ ווען אנגאסט אויף צוא
נעהמען . טרעפט מען אן אויף איינע אונגעלעגענע (אונפאסענדע)
צייט דער צו , איזט מען דארט איין רוהע שטערער , פערטענס
ווען דוא יעמאנדען בעזוכסט מוזט דוא שוין געפאסט זיין
אויף איין קאנטער (געגען) בעזוך , נון מוזט דוא דיך שוין
אין פאר אוים בערעכנען, צו וועסטו זיין אין שטאנד עס אויס צו
האלטען, נים פערנעם דאס איין בעזוך איז פערבונדען מיט קאסטען
אונ מיט איינער צייט פערלוסט(צייט אויסברייננגען),אונ מוזט שוין
דיין הויז דער צו בערייטען, זויבערען, אונ אוים פוצען . פינפטענס
מוזט דוא וויסען וויא זיך צו בענעהמען דארט מיט דעם עסען ,
מיט דעם טרינקען , אונ מיט דעם שפרעכען , דען אין איינער
פרעמדע שטוב ווערט אויף אלעם געקוקט , אונ זאל שוין זיין ,
דאס דוא פאטער אדער דיא מוטער וועט שוין וויסין וויא צוא
האלטען אייך זעלבסט אין שרענקען (אין צוויק) איבער דיא
צייט פון בעזוך , וויא קענט איר אבער בירגען (ערב זיין) פאר
אייערע יונגען אונ מיידכען וואס איר וועט מיט שלעפען מיט
אייך הין , דאס זייא זאלין דארט קיין כקאנדאל (גראבקייט)
מאכען , אין קורצען געזאגט איין בעזוך מאכען , הייסט צוא
מאכען זיך פון פרייען ווילין , פאר איינעם גיפאנגענעם דען מען
איזט דארט געבונדען אונ גיקנעבעלט (גיקרענפעוועט) אויף אלע

פיר



פיר , מען מוז זיך היטען וויא צו ריידען וויא צו שטיין וויא צו
גיין , וויא צו שפייען , וויא צו הוסטען , וויא דיא נאזע צוא
שנייצען , זאנסט איזט מען דארט אונטער ווארפען אונטער
דער שטרייכנגכטע צענזוריע , באלד נאך דיין אוועק גיין פון
דארט וועט מען שוין קאראזירען דיין גאנצען בענעהמען .
אם שווערסטען איזט פאר איין בעזוך מאכער , צו ערצילען
דיא רעכטע צייט אוועק צו גיין , דען על פי רוב פערשפעטיגט
מען עס , אונ מען בלייבט פיל לייננגער זיצען אלס מען קען
דארט נוצען , דען על פי רוב ווילט זיך דעם בעזוך מאכער
צייגען פאר איין חכם , פאר איין וועלט מאן אדער גאר פאר איין
געלערטען , אונ וויל אוים קראמען דארט אל זיין וויסען , אונ
פלוידערט דארט אוועק ביז איבער דיא גייסטער שטונדע
(צוועלף דעם זייגער ביי נאכט) אלס אלע הויזלייטע גענעצען
שוין , אונ ווינצען דעם גאסט איין אייבינעם שווייגען , אלזוי
וועט אייך מיין פריינד וואס איר האט געלעגענהייט מאנכעס
צו דרוקען , פיליכט מיינע דיזע ערציילונג פון דעם אונצייטיגען
בעזוך , אזוי ווייט געפעלען , דאס איר וועט עס וועלען מיט
טיילען אונזערען אידעשען פובליקום אין איינער פון אייערע
ניצליכע ערציילונגען" „אונ דיזעם וועל איך גערען הערען" האב
איך איהר גיענטפערט, אונ זיא האט עם מיר באלד דער ציילט ,
אין דער געגענווארט (ביי זיין) פון איהרעם מאן .

3.

„דער אונצייטיגער בעזוך"

„אלס איך וואר אלט צוועלף יאר" האט דיא מאדאם
בלומע אנגעהייבען איהרע ערציילונג „האבען מיינע עלטערען
געוואוינט אום זומער אין גרינען (דאס הייסט אויף מאיופקע)
אין איינם איינענעם זומער הויז העכסט בעקוועם (ווינאדנע) אונ
העכסט זויבער (ריין) אונ צירליך , מיט אשיינעם לוסט גארטען

וואס

THE CRISES OF UC LIFE

וואס וואר פערפלאנצט מיט פרוכט בוימער אונ מיט בלומען, אין איינעם געוויסען טאג, אלס מיינע מוטער איזט געזעסען בייא דעם פולט אונ האט געשריבען איין נייטיגען בריף צו איהרער מוטער האב איך בעמערקט דורך דעם פענסטער גאנץ פון ווייטען דאס אנאנצע חאלאסטרע פוסגייער האבען איינגעקערט אין דער אלעע (דאס הייסט אזוי אוועג וואס איזט פערפלאנצט מיט בוימער פון ביידע זייטען) וואס פיהרט צו אונזער זומער הויזע, אונ אלס זייא זיינען אונטערגעקומען שוין נעהענטער, האב איך שוין אין זייא דער קענט דאס עס זיינען פרויען וואס גייען צוא גאיין מארגען בעזוך, ווייא עס וואר זייא אנצוזעהען פון זייער אנצוג (קליידונג) ווען זייא ווארען אלע געקליידעט האלב נעגלעזו (דאס הייסט הייזליך, באלעבאטעם נור, אבער גיט צו געקליבען אונ פערפוצט ווייא צו איינעם פארמיילנעם בעזוך וואס מען מאכט נעגען אוועגד). אונ וואר אלזוי פאלער פריידע אונ גוטער דינגע (לוסטיג) איבער דיא גרויסע פריינדליכקייט פון אונזערע נאכבארען (שכנים) דאס זייא זיך ניט פערגעסען אן מיינער מוטער אום צו בעזוכען איר עפטערס, פון אזוי אווייטע שטרעקע (מהלך), דען דיא נעהענסטע פון אונזערע דארטיגע שכנים ווארען מעהר אלס איין ווערסט ווייט פון אונזער זומער הויז, דען זאנסט וואלטען מיר אונז דא העכסט געלאנגווייליט אונ צווייטענס וואר מיר דאן נאך ליב דיא בעזוכע זעלבסט אין שטאדט, דען ווען געסט קומען וואר דער טיש געדעקט מיט קאנפעקטען, מיט קאנפיטורען אונ אלער האנד זיסקייטען אונ פריכטע, נון וואר פאר אזוי אנאם מיילכען ווייא איך דאן וואר וואס צוא נאשען, אונ דער צו ווערט דאן דיא פיאנע געשפילט, אונ האב אלזוי דאן איינע גוטע געלעגענהייט צוא טאנצען מיט דיא גאסטליכע מיידכען וואס קומען מיט זייערע מוטערס צום בעזוכען. אונ קען אלזויא צייגען מיינע געשיקליכקייט אין קאנטערדאנץ, אין קאדרילען, דען איך וואר שוין דאן איינע מייסטערין דארין, אונ דאך האב איך

מיך



מיך ניט בעאיילט עס צוא מעלדען באלד דער מוטער אויסבעזארגנים פיליכט גילט זייער בעזוך ניט אונז, נור איינער אנדערע פאמיליע וואס וואוינט איינע שטרעקע ווייטער פון אונז אין אזייטען וועג וואס קומט אריין אין דער זעלבינע אלעע, אונ אום אהין צו קומען כוו מען גיין דורך איר (דורך דיא אלעע), אונ אלס איך האב שוין גיזעהען צו מיינער פריידע, דאס דיא אנקומענדע געסטע האבען אויסגעמידען דיא זייטיגע וועג אונ גייען אלזוי גראדע צו אונז, האב איך אין מיינער דאמאליגער קינדהייט עס אנגעמעלדעט מיינער מוטער מיט גרויס פריידע שרייענד דאס איך זאג איר אן איינע פראהע נאבריכט (בשורה טובה) "מאמע" האב איך איר צו געשריען מיט גרויס האסט עס קומען צו אונז איינע מענגע לייטע, "דוא איררסט דיך מיין קינד" האט זיא מיר דאן אפגעענטפערט "עס איזט אונמעגליך דאס מען זאל אזוי פריא גאר דיינקען פון אבעזוך מאכען" "דוא גלויבסט ניט מאמא?" האב איך מיך דאן אפגירופען צו איר "דא זיינען זיי שוין דא, איינע צווייא, דרייא פיר דאמען, איין קליינער יונגע (איינגעל) אונ איין מאפס", "א גאט איך בעטע דיך אום דיינע הילפע" האט זיך דיא מוטער אפ גירופען גאנץ ענגסטליך איך גיב קיינע צווייא שילינגער אויב דאס ניט זיין דיא לעסטיגע מאדאם ציקאדא מיט איהרע דרייא טעכטער אונ מיט איהרעם אונארטיגען (צולאזענעם) יונגע (בחורעל), א גאט זייא מיר ניגעדיג אונ גיב מיר קרעפטען אויס צו האלטען דיזען לאנגווייליגען אונ דויערענדען בעזוך, אוי עס איז מיר העכסט לייד אום מיינם בריף צו מיינע עלטערען, אוי וואס טוט מען בעהאלט מען זיך פון זייא".

דיזע פראגע וואר שוין אבער צו שפעט, דען דיא געסטע ווארען שוין בייא דער טירע, דער בעדינטע האט זייא אריין [illegible]ן, אונ דיא געסטע ווארען ווירקליך קיינע אנדערע אלס דיא מוטער האט פערמוטהעט (משער גיוועזן) דיא ציקאדא

מיט

מיט איהרע דרייא טעכטער אונ דער אונארטיגער יונגע, אונ
זיינען צו גילאפין צו דער מוטער מיט אפענע ארמע (ארעמס)
אונ מיט אויסגעשפיצטע מיילער, אום איר צו הערצען אונ צוא
קוסין, אונ מיינע וועליגע מוטער האט זייא אויפגינומען העכסט
פריינדליך, אונ נאך מיט איינעם שטרייכנגען אוים־רייד וואס
זייא קומען ניט אפטער צו איר "מען זעהט אייך וועלטענער אלס
גאלד אונ זילבער. האט זיא צו זייא גיזאגט "וויא איזט מען דאס
אזעלכע בעזולודיגקעס, דאס הייסט גאנץ איינפאך אויסגיווייכט
לייטען, זאל שוין זיין געזאגט דאס איר זייט פילייכט העכסט
בעשעפטיגט צו הויז, דאך יעדער זאכע האט איר צייט, אונ
מען לעבט ניט אלץ פיר זיך אליין!, דער ווילע אבער דאנקע איך
אייך פאר דעם יעצטיגען אונגעריכטען בעזוך, אונ דאנק אייך
פאר אייער מיהע צו גיין צו פוס אזוי איינע שטרעקע וועגס,
איבער איינעם קוטיגע וועג, דען עס האט געסטערען שטארק
גירעגענט, איך זעה עס אייך אן פון אייערע שוהע (שיך) אונ
פון אייערע זוימען קליידער דאס איר האט גימוזט וואטען (בראדזען)
איבער לוזעס, אונ גיין איבער נאסע גראזיגע וויזען (לאנקעס),
א איך בין אייך ניט מקנא אזוי איין שפאצירגאנג, אונ דאהער
דארפט איר וויסין וויא ביי מיר איזט קיין אפפער (שאדען) צו
טייער אום אונזערע פריינדשאפט צו ערהאלטען. האט איר דיא
ציקאדע גיענטפערט אונ דער צו נאך האבין מיך דיא קינדער
ניט גילאזט לעבין "מאמא! מאמא" האבין זייא מיר אלץ גילעבערט
אמוה, מיר האבין אונז שוין אזוי אצייט מיט דער מאדאם בלאשטיין
ניט גיזעהען, דען זייא לאזען אייך גיט פון טויל ארוים" אונ איך
בין דאן גישטאנען וויא אצומישטע הערצנדיג וויא זייא ביידע
בעטריגין איינע דער אנדערע דיא מוטער איר אונ דאס גלייכע
זיא דער מוטער, דען איך האב שוין פון לאנג גיוואוסט דאס
זיא וואר דער מוטער גיט גוט, אונ ביי אלעם דעם פלעגט זיא
מיט איר פאמיליע זייער אפט בעזוכען אונז נור אום דעם גרונד

אום



אום גוט צו שמארען אונ צו נאכען ביי אונז, אונ האב אלזוי
דאן גיהאט מעהר פערדרוס אויף מיינע וועליגע מוטער וואס זיא
האט דיא ערליכקייט אליין, איין וואהרער איינגעל אונ איינע
העכסט נאיפע פרויא (אויפריכטיגע וויא גישפראכען אזוי געמיינט),
זאל שפילין ביי דיזעם בעזוכע אזוי אפאלשע ראלע אלס אויף
די מאדאם ציקאדע וואס איז ווירקליך גישטאנען אין דער גאנצער
נאכבארשאפט אין אשלעכטען בערוף.

נור דיזעם אלעם וואר נור איין פראלאג (פארשפיל) פון
דיזער פאלשע ראלע וואס דיזע ביידע דאמען האבין מיט
איינאנדער געשפילט, דיא הויפטראלע וועט נאך ערסט
פאר קומען.

אלס עס וואר דער לאנגט דער מאדאם ציקאדא איין פאטער
שטול (פאטעל) צום זיצען דען זיא וואר איינע דיקע פרויא, האט
זיא נאך דעם וויא זיא האט זיך אין אים שוין צו רעכט גימאכט,
אונ אוים געשאפעט גיזאגט צו דער מוטער "איך בין גאנץ מידע,
דיא שלעכטע וועג אהער האט מיך גאנץ ענטקרעפטעט (דיא
קרעפטען צו גענומען) גאן ווייס איך גיט וויא וועל איך צוריק גיין".
אונ זיא האט בעקומען איינע אנטווארט פון מיינער מוטער "דארויף
רעסטא בעסער מאדאמע, דען דאן וועלין מיר שוין האבין דאס
פערגעניגען דאס זייא אונ אייער פאמיליע וועלין זיין ביי אינז
צו מיטאג, אונ דאס גלייכען וועט מיין מאן וואס ער וועט דאן
שוין זיין צו הויז אויך האבין דיא פריידע צו דער וויסין אייך
נאך ביי אונז.

דער ווילע אלס דיא ביידע דאמען וועקסלען אוים מיט
איינאנדער זייערע פאלשע ראלען, האבין דיא דרייא מיידכען
פון דער מאדאמע ציקאדא איהרעם קליינעם ברודער יאזע
אויפגיהייבין צו איינער שיינע שטיינגעלע וואס איז גיהאנגען דארט
אין פענסטער, אונ וואס וואר דארט אין אים איין טייערער
קאנאריק. דיא פריידע פון אונזער הויז אונ צו גלייך דער ליבלינג

פון

פון אונזערעם פאטער, דען ער וואר שון אזוי צו געוואוינט צו איהם דאס ער פלעגט ארויף צו פליהען אויף זיינער פעדער שפולע (שטיל פון זיינער פעדער) אונד בלייבען זיצען אויף איהר וועהרענד (בשעת) ער שרייבט, זיא האבען איהם אויפגעהייבען אום דאס ער זאל דיזעס שיינעס פויגעל בעטראכטען, אונד אלס זיא ווארען שון כירע צו האלטען איהם אליין אין דער היים, וואר געמאכט אלזוי איינע פראגע ביי דער מוטטער, צוא ווערט זיא ערלויבען דאס מען זאל דיא שטייגעל ארונטער נעהמען אויף איין קליין ווייליע אום דיזער יאזע זאל זיך אמיזירען (שפילין) אוויילע דער מיט, מיינע מוטטער האט עס ערלויבט, אונד האט דער ביי געמאכט דיא פראגע מיט איינער ליעבליכען שטימע "וויא אלט איזט דיזער ליעבער יונגע?", "אונד דיא מוטטער האט דארויף געענטפערט מיט שמאלץ "דא קורצליך איזט איהם פיר יאר געווארין" "פיר יאר ערסט" האט זיך מיינע מוטטער דארויף אפ געריפען אונבעשריען, איך האב געמיינט דאס ער איז שון זעקסטעס יאר, נוא איזט ער גאט ערהאלטע אייך איהם איין אויסגעצייכנעטעס קינד געטעס (ווערדליג) זיין אלטער", "א דאס הערען מיר שון פון יעדערען "וואס נור איהם זעהעט" האט דיא ציקאדע איר געענטפערט, דער ווייליע איזט דער מאפש וואס געקומען איזט מיט דער מאראמע ציקאדא ארום געלאפען זיך מיט זיינע שמוציגע אונ קוימיגע פיס איבער דעם זאל, אונ צוא גלייך בעשמוצט דעם ווייסען אנצוג פון דיא מעביל דען ער איזט געשפרונגען פון איין שטול אויף דעם אנדערין, אונ דער צו נאך נעבולעך, נאך געיאגט זיך נאך איינער קליינע שוים קעצכען, דיא מאראמא ציקאדא האט אויף איהם אן געשריען, דיא מוטטער אבער האט איהם אין שוין גינומען, אונ נאכהער אלס ער איז ארויס פון שטוב אין בלומען גארטען, אונ האט דארט אויך געווירטשאפטעט וויא דער מיזעל אין דער קיכע פון דער העלע, דען ער האט דארט צו בראטען דיא שענסטע בלומען וואס איך זעלבסט האב זיא

פערצויגין



ערצויגין, זעלבסט בעגאסין, אונ וואס איך וואר דאריבער אזוי זיים ערבאזט (בייז) דאס איך בין פון גידולד ארויס אונ האב זיך אנגעקלאגט דער מוטטער מיט טרערען אין דיא אויגען אין דעם ביי זיין פון דער מאראמא ציקאדא, האט דיא מוטטער וואס עס קוים איר פארגעווים דיזעס געקריינגט גיט ווייניגער אלס מיך, מיך געמאכט צום נארען פאר דיא ציקאדעס אויגין דאס איך בעקימער מיך איבער דיזען קליינען שאדען וואס מען קען עס כמעט זיין פאר איינגע קאפיקען, דען וואס קאסט גאר איין געקעט בלומען" אונ האט בעענדערט איהרע ווערטער צו מיר מיט דיזער לעהרע "איזט אונז בעליבט דער גאסט איזט שוין בעליבט אויך זיין זעקעל מיט זיין פעקעל, זיין בונד אונ זיין הונד" ביי אלעם דעם וואר איך שוין ניט גוט געווארין דער מאראמע ציקאדען מיט איהרען טעכטערען אונ געוואונצען שון אין מיינעם הערצען דאס זייא זאלין שון זיין פאר טויזענד מייל, דאך דער מיט וואר כמעט נאך ניט צוא ענדע, דען עס איזט געשעהען באלד דארויף איין גרעסערעס ליידען, איין שאדען וואס וואר פיל וויכטיגער אלס דיא בלומען, דער אונארטיגער (צולאזענער) יונגע ער יאזע האט זיך דער ווייליע אזוי לאנג געבאוועט מיט דעם קאנארעקעל, ביז ער האט אויף געמאכט דיא טירעלע פון דער שטייגעלע אונ האט איהם ארויס געלאזין אויפען שטוב, אונ אלס ער האט זיך אנגעהייבין נאכצויאגין נאך איהם איזט ער ארויס געפלויגין דורך דעם אפענעם פענסטער אין גארטען, אונ וואר אין איינער מינוט שון איבער אלע בערגען, אונ דיזעס האט אוס געפרעסט פון מיינער ברוסט אזוי איין ווילדעס געשרייא דאס עס האבין געקענט אלע זיבען מויערין פון יריחו איינפאלין דער פון, דען דער קאנארינג וואר מיר ליעב וויא מיין לעבין, אונ נאך מעהר אלס מיר וואר ער ליעב מיינעם פאטער, ער וואר זיין גאנץ ציים פערטרייב, דער יאזע איז געווארין דער פון העכסט צוא שראקין אונ צו גלייך העכסט בעליידיגט אונ האט אויסגעבראכין

אין

אין שרעקליכען וויינען, אויך זיינע מוטער דיא מאדאם ציקאדרא אונ איהרע צווייא טעכטער זיינען גיווארין דורך דעם העכסט קאנפוז (בעשטירץ) אונ האט גיזאגט צו דיא ביידע מיידכען יעץ איינע לעהרע פאר אייך דאס מע זאל איינער-מוטער פאלגען, איך האב אייך גיזאגט דאס מען זאל דעם יאזע ניט מיט נעהמען אין געסט דען ער איז איין שאלון (פערשייטער) אונ וועט אלזוי דארט מאכען זיינע דומע שטרייכע (שטיקעס) אונ איר אבער האט מיך איבער גישפארט, אונ דאך גינומען, נון האט איר אייך זעלבסט בעטראגין".

מיינע מוטער אבער וואס זיא איז דורך מיין ווילד גישרייא וואס איך האב גיטאן ביא זיינעם ארויס לאזען דעם קאנארעק גיווארין פערלעגען (בעשטירץ) ניט ווייניגער אלס דיא מאדאם ציקאדרא אונ איהרע צווייא מיידכען, האט אום דיזע געסטע צו בערוהיגען, אונ אום דיזען דומען שטרייך (שטוקע) מיינעם ווידער גוט צו מאכען גענומען דעם יאזען אויף דיא הענט, אקוש גיטאן איהם, גיווישט זיינע טרעהרען, אונ איינגישטילט מיט זיסען ווארטען, אונ דער נאך האט זיא גיהאלטען איינע פריידיגט (איינע שטראף רייד) פאר מיר וועגין מיינעם ווילדען גישרייא מעהר אום צו בעפרידיגען דער מיט דיא געסטע אלס מיך צוא בעסערין, איינע פריידיגט דאס עס מיר הערען אונ זעהען פערגאנגען ביז וויא לאנג וועסט דוא נאך אזוי קינדעס זיין? האט זיא זיך אפגירופין צו מיר מיט גרוים צארין, אונ זיין נאך אלץ אנגיבונדען מיט לייב אונ לעבין אן דיינע קינדערשע שפילצייג דאס דוא פערגעסט זיך איבער דעם, אן אלע דיא גוטע לעהרע וואס איך אונ דיין פאטער גיבין דיר טאג טעגליך, דאס דוא זאלסט זיין העכסט ארטיג (מיט שטאטיק) אונ בעשעפטיגין זיך שוין מיט פיל וויכטיגערע זאכען אלס מיט קינדער שפילערייען אונ צו האבין רעספעקט (דרך ארץ) פאר דעם מינדעסטען פרעמדין וואס קוקט אלס בעזונדער צו אונז אין הויזע אונ פשיטא שוין





פאר אזעלכע האהע געסטע וויא דיא מאדאם ציקאדרא מיט איהרע קינדער זייגען, לייגע דיך איבער מיין קינד מיט קאלטען בלוט, דיא ווייט דום טאר עס פון דיר צו טאן אזוי איין ווילדען געשרייא ביא דעם יאזעם ארויס לאזין דעם קאנאריגעל, ערסטענס האסט דוא גידארפט נעהמען ריקזיכט (וונימאניע) דאס דיזעס האט גיטאן נור איין קינד פון פיר יאר, צווייטענס דאס ער האט גיטאן ניט מיט אבזיכט, דריטענס האסט דוא גידארפט דער ביא שונען דיא געסטע, אונ מיך, דען דוא האסט דאך מיך צוא שאנדען גימאכט מיט דיינעם ווילדין שרייען, פערטענס וואס האט דער יאזע דא גיטאן פאר איין שאדין, ער האט ארויס גילאזין איינע פייגעל וואס האט גיקאסט איין געשפעט, אינ וואס איך אונ דיין פאטער האבין גיוואלט שוין פון לאנג אן פטור ווערען פון איהם, דיגן ער האט אונז פערגרילצט דעם קאפ, אונ צווייטענס ווייל דוא האסט פערבראכט ארום איהם דיינע בעסטע צייט אונ פערזאמט איבער איהם דיינע לעקציאנען אונ אויך דיין גיבעט, נור דוא האסט עס ניט צוא גילאזין, אלזוי איזט דורך איין אונשולדיגעם קינד גישעהען וואס מיר האבין עס שוין פון לאנג אן גיוואונשען, ער האט עס גיטאן וויא פון גאט גירופען דער צוא.

אונ אין דער טהאט (באמת) וואר דער קאנאריק דער ליבלינג אונ דיא פריידע פון מיינעם פאטער, פון מיינער מוטער, אונ דאס גלייכען פון מיר, ער וואר אונזער צייט פערטרייב, ער וואר אונז ליב אונ טייער עפעס וויא איין גליד (צלען) פון אונזער פאמיליע, אוים הוילער עטיקעטע אבער (העפליכקייט נור) האט מיינע מוטער גימוזט גאנץ אנדערש שוין שפרעכען אונ שפילין אזוי איינע פאלשע ראלע אין איר אונשולדיגין לעבין איבער איינען אונצייטיגען אונ לעסטיגען בעזוך, הערט נאך אבער ווייטער, איך בין נאך ניט צו ענדע דער מיט.

דיזער פריידיגט פון דער מוטער וואס זיא האט מיר

פארטיילעזען צו ליב דיזע לעסטיגע געסט, האט זייא העקסט
בעדויערט אונ בעפרידיגט אזוי ווייט דאס זייא האבין דעם יאונגען
גענייטיגט דאס ער זאל דיא מוטער אקום מאן אין האנד אונ זאל
איר דער פאר דעקלאמירען (הערזאגען) מיט אייגער הויך קלינגענדע
שטימע דיא האפענונג פון שילער (דאס הייסט אזוי אליד וואס
דער גרויסער דיכטער שילער האט עס געמאכט), מיט דעם קום
איזט נאך צו געגאנגען דאס (געשווינט) דען ער האט זיך געלאזט
לייכט בערייד ען דער צו, ער האט דער שער באלד אקום גענומען
אין האנד, ניט אזוי אבער וואר עס צו געגאנגען מיט דעם
דעקלאמירען, דען ער האט זיך ניט געלאזט אזוי שנעל (געשווינט)
דער צו בערייד ען, אונ דיא ביידע שוועסטער וואס האבין געוואלט
צייגען פאר דער מוטער מיינע זיינע גרויסע שיקליכקייטען
אונ פערטיגקייט (השלמה) אין דער דעקלעמאציאן (פאר זאגין)
פאן מאנכעס שילערס ליד, האבין דיא גידרונגען אין מיינער
מוטער וואס וואר דאן דער וויילע בעשעפטיגט איין עטוואס
מיט איר נייטיגין בריף, אונ האבין אלזוי גידארפט שוין גינוג
מערקען דאס זיא יעדעם געשטערט דורך זייא אין דעם שרייבין פון
דיזעם בריף, האבין זייא אין איר נעררונגען, דאס זיא זעלבסט
זאל יאזען בעטען דאס ער זאל נור צו ליב איר דעקלאמירען דיא
האפענונג פון שילער, אונ מיינע נעבע מוטער וואס האט שוין
אזוי פיל געליטין פון דיזעם אונצייטיגען בעזוך, האט זיך שוין
ערגעבין צוזאר מיט איינעם גרויסען ווידער ווילין אויך צו דיזער
לעטצטע אפעראציאן אום צו ווערקן ביי דיזעם שטארקאפ (עקשן)
דאס ער זאל דעקלאמירען (הערזאגען) פאר איר דיא האפענונג
פון שילער, אונ דער צו נאך עס אוים צו הערען מיט דער
גרעסטען אונגעדולד, דען עס וואר איר דאס שרייבין דעם
בריף פיל נייטיגער, אלס דיזעס לעכטיגער געשעפט, אונ ליידער
צום (אונגליק) איזט איר מיט איר בעטען אים דאס ער זאל איר
דעקלאמירען, ניט בעסער געגאנגען אלס זיינע ביידען

שוועסטערן



וועסטערן, דען עס האט ניט געהאלפין איר ביטען אים אונ
טען אים, איר צערטעלען אים, ער איז געבליבין ביי זיינעם
קסטען גיין, ביז דיא מוטער האט אים אנגעשאטין אלע טאשען
ינע מיט באנבאנס (צוקערקעס) אונ נאך גוטע זאכען, אונ
יזעס האט געעפענט דעם מונד פון דיזעם קליינעם אייזעל, אונ
האט אנגעהייבין פאר צו זאגין (דעקלאמירען) שילערס האפענונג,
ך אבער מיט אונגלוסט אונ ווידער ווילען, דען ערסטענס האט
ר זיך ניט געקענט דער מאנען דעם אנפאנג פון דיזעם ליד
אונ וואלט זיך פערגעוויס ניט ערינערען (דערמאנען) ביז דעם
גסטען (לעצטען) טאג ווען דיא עלטערע שוועסטער וואלט אים
ניט מיט איהרעם געדעכטניס (זכרון) אונטער געהאלפין, אונ ניט
אנגעהייבין צו זאגין "עס האפען אונ טרייטען דיא מענשען פיל
א בעסערען קינפטיגין טאגען", אונ ער האט אן שטאט דעם
וואס ער האט גידארפט זאגין ווייטער "נאך איינעם גליקליכען
אלדענעם ציל זיהעט מען זייא רענען אונ יאגען" האט ער געזאגט
ר אפאר צייליען פון אשטיק ווייטער "עס איזט קיין לעערער
שמייכעלענדער וואהן ער צייגט אים געהירנע דעם טהארען"
אונ האט אלזוי איבער געהיפט שיינע עטליכע שטיקלעך, אונ
ער צו וואר אויך דער טאן פון זיינער שטימע גאנץ פערשטימט
אום נאטעם ווילין" האט זיך אפ גירופין דיא שוועסטער זיינע
אנץ אויפגעבראכט "וואס איזט מיט דיר יאזע היינט געווארין,
זיך אמאל "עס האפען אונ טרייטען דיא מענשען פיל, נוא
ווייטער" "איי ביין" האט זיך דיא צווייטע שוועסטער אפגירופין
עס איזט קיין וואונדער דאס ער גידיינקט ניט דיא האפענונג,
ן ער האט עס שוין לאנג דעקלאמירט, בעסער זאל ער פאר
רעגין, דיא בירגשאפט פון שילער, דען דער פאר קאווירע
ך דאס דיזעם ווערט ער שוין זייער גוט פארטראגען" ליידער
איזט מיט דיזעם לידע אויך ניט בעסער געגאנגען אלס מיט דעם
רסטען, נון וואר איין דריטעס ליד פארגעשלאגן געווארין, אונ


איין

אין פערטער, און דאס אנדערע וואר דר מיט וויא מיט דעם בלק ... וואס דער בלק האט אים געשלעפט פון איינעם ארט אויף דעם אנדערן צו שילטין פון דארט דיא ישראל, און ער האט ניט ... קיין ארט געשאלטין, נור פערשטייט זיך פון זעלבסט דאס ... גאנצע לאנג ווייליגע סקוצנע אינטערעסע אדער שטענע ... פערבונדין מיט גינוג קרייטקונג פון צרי צרדים, דען עם האבין זיך דער ביא אלע גיקלעמט, דיא מאדאם ציקאדא, אירע ביידע שעכטער, דער יאזע, מיינע מוטער, און איך נאך מעהר פאר אלעמען. דער צו נאך וואר מיינע מוטער דעו ביא העכסט בעזארגט דאס זייא זאלין דא ניט פערבלייבין נאך אויף מיטאג, דען דיזער פראצעס מיט דעם אומארטיגען יאזע האט זיך פערצויגן ביז צוויא דעם זייגער, נאך מעהר מיינע מוטער האט שוין ווינר(?) בעקומען (גיוואר גיווארין) דאס דער פאפא איזט שוין מער אלס איינע שטונדע דא און איזט פערשטעקט (בעהאלטען) אין דער אלטאנע און וויל דארט איבער ווארטען ביז דיא לעסטע בעזוכער, וועלין וועק גיין, אלזוי וואלט זיא שוין גערין גיוועזן צו דער לעבין דיא מולדיקע מינוט פון זייער אבשיידען נעהמען פון איר, און ביא אלעם דעם אלס זייא האבין שוין אנגעהייבן צו מאכען מינע (הכנות) צום אוועק גיין, האט נאך מיינע מוטער געטוט אוים הוילער עטיקעטע (העפליכקייט) נור בעטען זייא דאס זייא זאלין פערבלייבין ביא איר צו מיטאג. "מיין מאן ווירד עם קריינקען" האט זיא גיזאגט צו זייא "דאס ער האט איך פערזאמט, און וועט אויף מיך פערגעווים גרוים פערדרום האבן וואס איך האב איך אזוי גיך ענטלאסען פון מיר" און אלס זייא האבין זיך האך ענטשולדיגט פון דיזער העפליכען איינלאדונג, ... דיא מאדאמע ציקאדע האט גיהאט וואס גייטיגעס צו הויזע ... זיין, האט מיינע מוטער אבגעצוואונגען פון איר איינע פערזיכערונג דאס זיא זאל איר אין דעם צווייטען מאנאט ווידער בעזוכען און דער צו נאך אוים גירעט וואס מאטערן זייא דעם ...

אזוי



אזוי פריא מיט דעקלאמאציאנען "דען ער איז נאך ערסט זיבן יאהר גיווארין" דיא מאדאמע ציקאדע אבער האט דיזע שולד געשאנקען (ארויף גיווארפין) אויף איהרע טעכטער, און האבין זיך אלזוי גישיידעט פון איינאנדער מיט איינעם היימען פערשפרעכען זיך ווידער צו זעהען אונגעזאמט, און אלס זייא זיינען ארוים פון שטוב האט דיא מוטער מיינע אנגעהייבין פרייער צו אטהעמען, וויא זיא וואלט אראפ גיוועלצט (אראפ גיקייקעלט) איין שווערען שטיין פון איהר ברוסט און האט אוים גישאסען איהר גאנצען געמיטה פאר מיינעם פאטער וואס איזט באלד אריין אין שטוב "נוא האב איך עס גיהאט מיין מאן איין בעזוך וואס האט מיר ממש אוים גיפרעסט מיין הערץ, דוא ווייסט דאך שוין ווער דיא געזוכענע זיינען דיא מאדאם ציקאדע מיט איהרע צוויא טעכטערכען, און מיט איהרעם אומארטיגען יונגע דעם יאזע" און האט איהם צו גלייך דער צוילט אלעם וואס מען האט דא אוים גיליטין פון זייא. "דער פאר מיינע ליבע פרויא האסט דוא" האט ער זיך אפ גירופין צו איר, האסט דוא דיא פריידע דאס דוא ביזט לוז גיווארין פון זייא, און איך ווייס נאך אלזוי צו זאגין פון גליק דאס איך האב זייא אויסגעמידען, דען איך האטע מיך ניט קענען גידולדען אזוי פיל וויא דוא מיט אזעלכע אונפערשעמטע מענשען וואס פערהערבענען זיך אזוי פיל דאס זייא מיינען, דאס זייא פערשאפען איין פערגעניגען דענען זייא בעזוכען", "דא פערגעווים האט זיך דיא מוטער אפגירופין "זייא מיינען עם אזוי ווירקליך, דען זיא אליין דיא מאדאם ציקאדא האט עם מיר זעלבסט גיזאגט ביא איר אבשייד נעהמען פון מיר דאס נאך האט ...ים איינער פון דער גאנצען הויזיגע נאכבארשאפט (אקאלאציע) אויסער (חוץ) זיא (דיא מוטער) גיהאט די עהרע דאס זיא זאל אים אבשטאטען (אמפראווען) איין בעזוך מיט איהר גאנצע פאמיליע, אלזוי איין גרויסער בעוייז פון איהרע גרויסע אכטונג צו איר, און וויאזוי דיא אזוי זיינען איר (דער מוטער) אויך איהרע קינדער

זייער

A tedious study of bourgeois ettiquette

ווייער גוט , אונ ליבען איר אזוי נאר , דאס זיא האבין איר (דער מאדאם ציקאדע) , שוין פון אפאר וואכען צוא געטריבען צוא דיזען עהרע בעזוך •

## 4.

## •דער לעכטיגער גאסט•

אלס דיא מאדאם האניקס וואר שוין צו ענדע מיט א יהרעס געשפרעך אונ ערצייהלונג פון דעם אונצייטיגען בעזוך , איבער וועלכעם מיר האבין אונז העכסט זאס אנגילאכט , האב איך דער ציילט פאר איר אונ פאר איר מאן וואס וואר שוין דאן צו הויז אונ דער צו נאך פאר איינעם גיוויסען אידעשען פריידיגער פון אויסלאנד וואס וואר געלאדען פון דעם הערדען מארקוס זעלבסט , וואס האט גיהייסען הערר וואולף בייגעל שטיינ , איין העכסט געלעהרטער מאן , איין טיכטיגער טעהעלאג (גאטס גילעהרענטער מאן) , האב איך דער ציילט איינע געשיכטע פון דער זעלבע פארבונג (קאלאר אדער ארט) פון דער ערסטען ערצייהלונג , דאס הייסט פון דעם זעלבינען סארט פון דעם אונצייטיגען בעזוך , דען מיינע ערצייהלונג איזט פון איינעם לעסטיגען גאסט , אונ עס וואר איבער איר ניט ווייניגער גילאכט וויא אויף דער ערסטע ערצייהלונג אונ איזט נאך פילייכט נאך פיל מער גיצליכער פאר דיר מיינע טייערע לעזערין אלס יענע , אונ וואס זיא האט צו גלייך פעראורזאכט צוא דעם געשפרעך מיינעם מיט דעם הערען פריידיגער וואולף איבער דיא זיטע (מדה) פון גאסט פרייהייט (הכנסת אורחים) .

•אונזער שטאט ווילנא• האב איך אנגיהייבען צוא דער ציילען• ווערט גיפלאגט פון ניט הינע אונגיבעטענע געסטע שוין פון אלטע דאטען פיל בער אלס פון פלייא אום תשעה באב , אונ ווערט זיך ניט אום פרוזען דער פון ביז דעם איינגסטען טאג (יום האחרון) ווייל דער צו העלפט ניט קיין באר אונ קיין

פערזישער



פערזישער פראסיק אונ פרעסען זיך איין אין לייב וויא דיא מאנדרעוועסקעס , דאס עס איזט אונמעגליך זיך צוא ריינינען פון זייא , עס ווערט נימאנד פערשוינט פון זייא , צו ארעם צו רייך , צו אלט מאדעס צו גייא מאדעס , אונ פשיטא שוין אזוי איינער וויא איך וואס איזט פון ווילנער ריינעם זיכעם בלוט וואס פערשמעקט דיזעם אונגעציפער (אונפלייט) וויא פרויענבלוט אונ קינדער בלוט וואס פערשמעקט דיא פלייא פיל מעהר אלס דאס בלוט פון אנדערע מענטשען , דאס הייסט געמיינט דאס אונזערע איינגעבאהרע ווילנער זיינען פון נאטור גוט הערציגע מענשען , אונ שטייען נאך אין דער אידעשען וועלט אין איינעם פיל גרעסערען בערוף פון בעלי צדקות אלס זייא זיינען באמת , אונ חערט נאך דער צו גערידהמט אין אלע קליינע שטעטליך מיט איהרע שבתים אונ איהרע ימים טובים פון דיא ארעמע לומדים , ארעמע בחורים , פון שנארער אונ שנארערקעס וואס האבין אמאל מעג אין איר גינעסען , איבער דיא הייזער גיגאנגען , אונ יעדער בעזונדער פון זייא איז נאך פיל מעהר מגזם אלס עס איזט אין דער טהאט (בפועל) , וויא איך זעלבסט האב גיהערט דארט אין אייסעסאק פון דער בעל אכסאניאטע וואס איך בין בייא איר איינגישטאנען אונ וואס האט ניט גיוואוסט דאס איך בין איין ווילנער , וויא זיא האט דער ציילט אונ גירעט איבער ווילנא פאר איינער אנדערע פרויא וואס איזט גיקומען צוא איר צוא בעראטהען זיך מיט איר וועגען איר מיידעל וואס זיא איז שוין אלט איאר זעכצען , אונ האט נאך קיין פאדעם אויף נאיר , דען זיא איזט אליין העכסט נעמיין , אונ דא האט זיא פאר זיך איין גוטען שידוך •

•הערט שרה• האט זיך מיין בעל אכסאניאטע אפגירופין צו איר• איך בין אמאל אויך גיוועזן קראנק אויף דיא זעלבע קראנקהייט וואס אייער טאכטער איז קראנק , איך בין אמאל אויך גיוועזן איינע אלטע מאד , אונ גאקעט וויא חוה , מיינע

כוטער

NOW FOR THE LOW-COMIC FIGURES

Vilne Streets belong to the womenfolk - do gooders

זײַטלעך [illegible] אַלע

גיטער טויבעס סאַמויִלס

[illegible] באָבע - [illegible] באָבע

CF PREVIOUS IDEALIZATION OF HER MOTHER

euphemism

מוטער עליה השלום האט זיך גיוואלט ממש איינע מעשה אן טאן , דען זיא האט גימיינט דאס עס לאזט זיך שוין אראפ דער הימעל , דען אשפאם איינע אלטע מאר , אונ בפרט נאך מיט איאר עטליכע אונ צוואנציג צוריק וואס מען פלעגט מאכען .קינדער חתונה צוא צוועלף דרייצען יאר , אונ בפרט נאך עס וואר דאן זייער שווערע צייטען דאס מען וואר ניט זיכער פאר אבהלה , דען אין מיינע יארין נוארין שוין מעהר אלס פינף בהלות דרייא איינע נאך דיא אנדערע , גאר אן איינער אפרוהונג , אונ אלץ וואר דאן דיא גזרה אויף מיידלעך אליין דאס עס האט דאן דיא וועלט גיקערט , אויף מאמעס האט דיא הויט גיציטערט , אין סלוצק האט מען גיפאסט , אין פאסטאוו האט מען ניט איצטער דער מאנענדיג גאר גוזר תענית גיוועזן , אין דער מיר קברים גיריסין , עס איזט ניוועזן גוטע יארין דאס מיינע מוטער האט עס איבער גילעבט וואר זיא שטארקער וויא איין אייזען , אונ איך האב דאן מיינע אויגין אויס גיוויינט , אונ נאכהער אז עס איז אפילו שטילער גיווארין פון דיא גזרות , בין איך דאך דורך דעם ניט איינער גיווארין , איך וואר אפילו דאן אלט נור פופצען יאר , נור דא אין אייסעסאק וואר איך דאן דיא עלטעסטע מאר , אונ האב מיך אלזוי נישעמט אנאז ארויס צו שטעקען אין גאס ; דען באלד האט עס גיהייסען •אט גייט בראכקע דיא אלטע מאר• אונ האב אלזוי גימיינט דאס איך בלייב זיצען איין מניסקע , נור אבער דער וואס איך טאר ניט גידיינקען , האט אויס געקלאפאצעט פאר מיר אויך אחתן , הערט אבער מיט וועלכע נסים , מיינע מוטער זכרונה לברכה וואס וואר אאידענע אדעמבע , ארונבאהא , נעהנם וויא נאריב , דאס קוקונדיג אויף איר האט מען גימיינט דאס זיא וועט איבער לעבען צעהען מאגען וויא מיין פאטער איזט זאל גיזונד זיין אאיד איין חירלאק , האט זיא בעקומען איינע גרויסע הארץ קוועצענעם מיט איינעם שרעקליכען סלוקערצען , דאס עס וואר נים אויס צו האלטען , עס האט נאך

דאן



דאן גילעבט האנקע דער רופא , פריידקע דיא טוקערקעס מאן , ער האט זיך גיהאלטען מיט אונז נייטע קרובים , אונ דער צוא גלאט גיוועזן איין גוטער פריינד פון אונז , האט ער איר גיטריבין אלץ קיין ווילנא , אום צו קורירין זיך דארט , אונ האט איר דער ביי גימאכט שווער איר הערץ , דען זאנסט וואלט זיא ניט גיפארין , נון וואר'ען מיר העכסט בעזארגט וועגין דעם , אונ אויסגילאזט האט זיך דורך דעם גראדע דיא גרעסטע טובה , דען איך האב גימוזט מיט דער מוטער זכרונה לברכה פארין קיין ווילנא , אונ דארט בין איך גיווארין אווייביל נאך מיט איין אכטאג פריער פאר מיין מוטערט טויט , עס האבין מיר חתונה גימאכט דיא דארטיגע פרומע ווייבער , ניט איך ניט מיין מוטער האבין וויא וועגין דעם גיצעפעט , חלילה מיינע מוטער איז גאר גילעגין דיא גאנצע צייט ביז איר טויט אין הקדש , אונ מיר אליין וואר דער קאפ צו פיל פערדרייט אום צו דיינקען פון אחתן :

וויא היינט גידיינקע איך , גייענדיג איבער טייצעשע גאס וארט מיט פערוויינטע אויגין , דען דיא מוטער וואר איטער ערגער האבין מיך צו גירופין צוויא ווייבער אונ האבין מיך גיפרעגט צו בין איך אניטהיגע אונ. צו בין איך איינע יתומה , אונ אלס איך האב זייא גיזאגט דאס איך בין אויס אייסעסאק , אונ איתומה וועל איך אי"ה אום געצאמט ווערען , דען מיינע מוטער איז גיפעהרליך קראנק , ליגט אין הקדש , האבין זייא מיך העכסט בעדויערט וואס איך בין נאך אמאר , אונ האבין מיר פערשפראכין מיר חתונה צו מאכען , האבין מיר גיוויזין וואו זייא וואוינען , אונ האבין מיר גיהייסין אריין צו קומען צו זייא באלד נאך שולצייט אלע טאג , קוים בין איך פון זייא אוועק האבין מיך בעגעגנט אין גימקע טויבעס זאונאוליק שוין אפאר אנדערע פרומע ווייבער , דען דארט וואר איינע אנדערע קאנצעלאריע פון נשים צדקניות , אונ האבין מיך אויך אנגירעט דאס איך זאל ווערין אווייביל , אונ האבין מיר אויך גיוויזין וואו

זייא

# In Praise of Vilna Charities

זייא נוואינען , אונ האבין מיר בעשטימט דיא צייט ווען איך זאל צו זייא קומען , אונ דאס גלייכען האבין מיך אנגיטראפען אבאנדע פרומע ווייבער לעבין אידישע באר , וואס האבין זיך אויך ניט גיקענט גינוג אפוואונדערען , דאס אזוי איינע אלטע מאר זאל נאך ניט חתונה האבין אונ האבין מיך ארייין גיפירט אין זייער קאנצעלאריע , קורץ גיזאגט זייא האבין מיר גיגעבין אם דיזעם הויקער מיין יאסלען אונ לעב מיט אים גאט זייא דאנק ביז צו פערזינדיקען גאנץ גוט, זייא האבין מיך אויסגיקליידעט , כתנות דעם חתן גיגעבין , עטליכע רובל דער צו אויך , אונ מיר האלטען זיך , דאס זעלבע טוט אויך פאלגט מיך ווארטעט ניט ביז איר וועט קראנק ווערען אום ערסט דאן צו פארין אהין וויא מיינע מוטער זכרונה לברכה האט גיטאן. ערסטענס ניט אלעמען טרעפט עס אזעלכע סבות . צווייטענס ניט פערגעסט אייער טאכטער איז שוין פיל עלטער אלס איך וואר דאן , קומט נור מיט איר קיין ווילנא , דיא פרומע ווייבער וועלין איר באלד פערשלייערין . איך זאג אייך ווילנא איז איין צדקה שטאדט , איינע פרומע שטאדט , פון אלע פענסטער ווערט גיהערט אין דיא גאסען קדושות , אין אלע שיינקען ווערט גישפילט אונ גיפייקעלט איבער ספרי תורות וואס מען לייגט זייא דארט אוועק אום צו קלייבין דארט נדבות ביי דיא התחלות אונ ביי דיא סיומות , אויך איזט צו זעהען אין יעדען טוייער פון איינעם אידישין הויף שטייען ארעמע בחורים , אדער גבאים פון קליינע קלייזלעך מיט טישלעך וואס ליגט אויף זייא ש"ס גימראס , משניות , אדער נביאים , חמש מגלות , אונ שרייען אהער ווייבער נדבות אויף ש"ס , אויף נביאים , אויף מגלות , אנדערע האבין נאך לעבין זיך כלי זמרים מיט א מי שהיה ברחן . עס איז ארום זייא ארעדעל פון ווייבער פון קינדער פון אסטאוונע מאלדאטען , אונ מען הארפט נעלט, אונ היינט איז ניט דורך צוא גיין אגאס אין ווילנא וואס מען זאל ניט בעגעגען טראנענדיגע אמנורה , איין





נטיר , איין פרוכת , אמאל מיט קלעזמער , אונ אמאל אן קלעזמער, אונ דיא טרעגער שרייען צו דעם עולם דאס מען זאל געבין נדבות , דען עס זיינען דארט דא קלייזלעך נאר דיא פעק , עס זיינען דארט אפשר טויזענד חברות , זעלבסט ברוקירער , פערד הענדלער , פאקטורים , ברויט בעקער , שניידער , אונ היינט שלענער, האבין אלץ בעזונדערע חברות, אונ בעזונדערע קלייזלעך מיט בעזונדערע זאנערס , אונ אזוי אויך קלויזען אן אשיעור , אויף דעם שולהויף זיינען דא קלויזען וויא שטערען אין הימעל , אונ עס וואר שוין אזוי נעדיכט דארטען דאס מען האט גימוזט מאכען שוין איין קלויז אויף ווייבערשע באד הארט לעבין דעם קהלשען אבטרעט, קורץ גיזאגט נור אטריט אחברה , נור אמריט אמנין , דיא זעלבסט קאנוגתעס , פערד שמייסער, פערדפער הערער (דאס הייסט אוים פרובירער) מאכען מנינים אין זייערע הייזער , אונ אזוי ווערט מען דארט ממש פערטויבט פון דעם קלאנג פון דיא צדקה פוסקעס וואס גייען מיט זייא אום דער נוטער יאר ווייס זייא מהסתם אונטער גבאים פון חברות , זייא בראזינן דער מיט פון פריא מארגין ביז אין דער נאכט , אונ איין ווארט מען הארפט אריין געלט , מעהר פאר אלץ גיפעלט מיר דארט , דאס עס שטייען אין דיא גאסען ווייבער אונ מאגעס לייט מיט לאבעגס קויום , מיט העמדער , מיט שיך פאר ארעמע לייט אונ בעטען דארויף נדבות , היינט איז גלאט אין יעדער שטוב אנגישלאגין פוסקעס פון דיא פילערלייא חברות . גענוג ווילנא איזט איין גיטונקט אין צדקות .

אלזוי מיינע ליבע שרה פיהרט אוועק אייער טאכטער אויף ווילנער מארק , איך פערזיכערע אייך דאס איר וועט איר ברייגגען צוריק שוין אווייבעל , איך זאג וויא עס האט זיך נאך ניט גיטראפין דאס מען זאל פיהרען אמת צוריק פון בית עולם אזוי האט מען נאך ניט גיבראכט פון ווילנא אמיידעל צוריק אין דיא ארומדיקע שטעטלעך , ווילנא זאל שטיין ביז משיח צייט עס איז דא איין

דורך הויף וואס מען קלייבט צו אין אים איין שליסער צו יעדעם
שלאס, איין טאלקוצקער ריגאק וואס מען קלייבט צו דארט איין
דעקעל צו יעדער טאפ, פארט איר וועט מיר דאנקען, דען איך
ראטהע אייך צום נוטצען, אונ איין שאפענטעניגעם כאנטעל מאכט
מען צו נאך דער חתונה, • איך האב עס צו גיהערט פון ווייטען
אונ בין שיר צו זעצט גיווארין פון גילעכטער, עס וואר צוואר
פיל ווארהייטען אין איהרע רייד, אבער דאך פיל איבער
שפאנטעס, איבער הויפט אין דיא ענינים פון צדקה, דאס ווילנא
בייקט נים נאך קליין שטעטעלדיגע אלטע מיידלעך אום זייא
צו פערהייראטהען, אויף אזוי איין ארט האב איך גיהערט דארט
ריידענדיג איך ארעם בחור וואס האט מפליא גיוועזן ווילנער
שבתים אונ ימים טובים, אונ דער צו נאך דאס ער האט גיהאט
גיטאפעלטע טעג, דאס הייסט ער האט גיגעסען יעדען טאג צו
צווייא מאל מיטאג בייא צווייא בעלי בתים, אונ נאך אזעלכע
נחמות וואס קען פילייכט וואהר זיין, נור גענוג אזעלכע גישפרעכע
איבער ווילנא וואס ווערט גיהאלטען אין דיא קליינע שטעטלעך
אין אלע הייזער אונ דיא בתי מדרשים ערוועקט שוין איינעם
גרויסען אפעטיט, דארט בייא יעדען בעזונדער צו גענימען וואס
פון ווילנער גוט הערציגקייט פון איהרע נאסט פרייהייט (הכנסת
אורחים) אונ יעדער אלוי ווכט זיך שוין עפעס איינע אורזאכע
אונ איינע גילעגענהייט צו קומען קיין ווילנא אונ צו פערבלייבין
אין איר עטליכע וואכען, מאנכער פון זייא ניסטעט (נעכטעט)
זיך איין עפעס בייא אויישען קרוב, מאנכער עפעס בייא איין
בעקאנטען, אונ פערגעסען זיך אב צוא פארין, אטייל קומען
אונטער דעם פארוואנד (אויסרייד) צו דאקטירען זיך, אטייל
אונטער דעם אום רייד פון אשידוך צו מאן מיט זיינע אטאכטער
אדער אלם שדכן, אטייל ברייגען אביסיל סחורה מיט זיך אום
עס צו פארקויפען אין ווילנא אונ אטייהל אום וואס צו קויפען •
פון אזוי אסארט לעכטיגע געסטע וואר איך שוין מעהר
אלם



הונדערט מאל גיהיימזוכט (גיפלאגט גיווארין), אונ וועל אייך
נור צווייא פון זייא אויפטישען (אויף דעם טיש דר לאנגען)
יכט דער ציילין) אלם בייא שפיל וויא מען דארף זיך
פון אויף צו נעהמען אזוי איין גאסט בייא זיך אין שטוב אונ
וויא מען דארף זיך היטן צו וועלין בעלאסטען איינעם צוויייטין
אזוי איינער שווערין בעגאסטונג, דאס הייסט צו וועלען זיך
קוואטירין בייא איינעם צווייטין, אונ מען דארף אימער
דעם שפריכווארט פון דעם בן סירא (יום ראשון אורח,
שני טורח, יום שלישי סורח) דעם ערסטען טאג איזט מען
דעם צווייטען טאג איזט מען שוין אלאסט, דעם דריטען
ווערט מען שוין פערהאסט. אונ אום אייך צו געבין איין
בעגריף (השגה) פון מיינעם שווערנויט (לייהען) פון
איינקוואטירונג אין מיינער וואוינונג מוזט איר אייך שוין
אים צו הערין דער בייא איינע קליינע שילדערונג
(בעשרייבונג) פון מיינעם ארט לעבין, צייט איך בין מיט מיינער
פאר זיך (דאס הייסט אראפ פון קעסט) אלם פאר־ניידע
מיינע קליינע ערצייהלונגען דא.
זייענד פון מיינער צארטעסטען יוגענד אויף איין עכטער
(מבין) אויף דיא וואהרע גליקס גיטער פון דעם מענשליכען
אין ביידע וועלטען וואס זייא בעשטייען נור אין אדייגעם
אין איינער איבעגען (געדיגענען) גיזונטהייט, אונ אין
רוהיגין לעבענס ארט, האב איך מיין הערץ גערייניגט
עהערגייץ (פון רדיפות אחר הכבוד), פון אייפערזוכט (קנאה)
גלייכען פון שנאה, (אונ נאט זייא דאנק דאס איך האב נים
צו זיין אשונא), אויך פון געלדגייץ (דאס הייסט צוא
לאנגען עשירות), האב קיין גרויסע אויך קיינע קליינע
אין מיינעם לעבין גישפילט, אונ פיהרע מיר אימער איין
אונבעמערקטעס לעבין, אונ גאט זייא דאנק דאס מיינע
איזט איינשטימיג מיט מיר אין דיזער לעבענס ארט, אונ
איזט

autobiographical aside

both children out of the house

איזט זיך העכסט צו פרידין מיט דיא ווינציקייט וואס מיר האבן
אונ וואס עס איזט אונז היגרייכענד (גינוג) צו בעשטרייטען (צו
בעפרידיגין) אונזער אלע לעבענס בעדירפניסע אהנע גרויסע
קימערניסע, נון פערשטייט זיך שוין אויך פון זעלבסט נאך דיזער
בעמערקונג דאס אינזער וואוינונג אונ אונזערע גאנצע ווירטשאפט
איז שוין פון גאנץ קליינעם אומפאנג (אביאם אדער ראומער),
אויסבירעכענט נור וויא פיר אונזערע קליינע פאמיליע וואס
בעשטייט שוין צייט איאר פופצען נור אוים אונז ביידען, דיא
מיינע ביידע קינדר זיינען פון יענער דאטע אן פערהייראטהעטע
אונ וואוינען פאר זיך, אונ דאס מיינע פרויא וואס איזט איינע
גרויסע צוכט, אונ דער צו העכסט ווירטשאפטליך, האלט דיזע
קליינע וואוינונג זויבער אונ צירליך וויא איינע גאלדענע
טאשענאוהר, עס איזט אין איר קיין שטויבכען צו זעהען, קיינע
שפינגעוועבע, קיינע פליגע ווירט אין איר געדולדעט אונ יעדע
שטיקעל מעבעל איזט אן גיבראכט אויף איהר ארט פאסענד וויא
אויסגיוואקסין דארט, אונ ריין וויא ערסט פון שטולמאכער
גיבראכט, אונ דאס גלייכען, אלע אנדערע געשירע (כלי בית),
אונ חער רעט שוין פון בעטצייג. אונ וויים צייג, קורץ גיזאגט
מיינע וואוינונג וואס איזט בעשטאנען דאן אונ אזוי איצונד נור
פון צוויא קליינע צימערליך וואס זיינען העכסט נעט זויבער אונ
אקאנאמיש צו געקליבין אונ איינגעריכטעט, דאס עס געפינט
זיך אין זייא ניט מעהר אונ ווייניגער געשיר (כלי בית) מעביל,
בעטצייג, אונ אויך פלאץ וויא נור נייטיג איזט פאר אזוי
אקליינע פאמיליע וויא מיר ווארען צייט פופצעהן יאר, אונ
איצונד אויך. וואר שוין פון יעהער אן (פון לאנגע צייטען)
העכסט עמפפינדליך (ליידענד) ביים דעם אריין דרינגען זיך אונ
איינניסטען זיך אין איר אדריטער אלס גאסט, וויא איין פינגער
ביים דעם אריין דרינגען זיך איין קליינער שפליטער (אבראקען
האלץ) - אונטערין נאגעל וואס עס רייסט דיא אויגין פון קאפ דער
פון



, אונ ליידער פלעגען מיר ביזאפלין ווערין מיט אזעלכע
רטען עטליכע מאל אין יאר, דען מיר פלעגען געהיימזוכט
ען (געפלאגט ווערין) מיט אפטערע געסטע וואס פלעגין זיך
ואטען ביי מיר פיל מעהר אלס דיא דריא עגיפטישע פלאגען
תע, כנים, ערוב. דארט אין מצרים, דען זייא פלעגען צו
גליבין מאנכע מאנאטע לאנג.
דאך פון קיינע האב איך אזוי גיליטען וויא פון דיא צווייא
סטע וואס איך בעשרייב דא, אויב וואויל (חאצבי) זייא זיינען
יא מיר גיזעסען פיל ווייניגער אלס דיא איבעריגע, צוא פאר
כען נור, איינער פון זייא וואר איינע יונגע פרויא מיט
יענדעם קינד, אונ דער צווייטער איונגער מאן אמחבר, נון
ן דער ערסטע.

1st guest

מיט אפאר יאר צוריק, ערב ראש חדש אדר ביא נאכט
חם עלף דעם זייגער, קוים דאס איך האב מיך גילייגט שלאפין
ג חאר שוין אין בעטיף (בדעה) אוים צו לעשען דאס ליכט,
אב איך דער הערט איין גערייש פון הארטע טרים אויף מיינע
רעפ אונ איינע שטימע פון איין ווייגענדעם קינד, אונ בין
לזוי גיוואורין העכסט קאנפוז (צו רודערט) דער פון, דען איך
אב ניפירכטעט דאס מען ווארפט מיר אונטער אקינד חלילה, דען
יער אפט ווערען אונזערע בעלי בתים בעשאנקען מיט אזעלכע
קבליכע געשינקע, פון אזעלכע מיידען אדער פרויען וואס
שמארען זיך צו ווערען אמען, דאך דיזע שרעקליכע פערמוטהונג
(יינונג מיינע) איז באלד פארבייא גיגאנגען ביי מיינעם דער
הערען פון אונטערען מיר איינע פרויען שטימע, וואס וויל
איינשטילען דאס קינד אונ דער צוא נאך איינע רויע (גראבע)
ענער שטימע וואס האט גישפראכען ליטוויש פאר געווים צו
איינעם צווייטען זיינעם גלייכען, דען איך האב דער שפירט
באלד איינע צווייטע מענער שטימע, אונ האב נאך דער צוא
באלד צו גלייך אויך אנגימערקט פון זייער שטארקען טופצען מיט
דיא

דיא פיס אונ פון זייער שווערין שאפען דאס זייא שלעפין
מאסצען עפעס שווערע לאסטען (משאות) , דיזער מעשה
(טומעל) האט מיך העכסט בעפרעמדעט (דאס הייסט העכ
פערהידושט) , אונ האב באלד דארויף גיפרעגט מיינע פרוי
וואס האט גישלאפין אין דעם צווייטען צימער צו זיא הערט וואס
עס טוט זיך אונטערין מיר אונ ווער קען עס זיין דארט ? "זייער
פערגעווים ניט היגע אורחים עפעס" האט זיא מיר גיענטפער
"וואס ווילין איינשטיין ביי דעם הירשעל קאמענקער, דאס הייסט
ביי דעם ענטקעגענדען , אונ טרעפען ניט דיא טיר צו אים "אין
אלס זיא האט באלד דארויף דער הערט דאס מע מאראצעם טון
זייער שטארק דעם שלאסאק פון אונזער טיר , האט זיא צו גישריען
צו זייא פון דער צווייטען צימער "ר' הירשעל קאמענקער וואוינט
אנטקעגין" , "ניין" האט זיך באלד דארויף אפ גירופין איינע
פרויען שטימע "מיר דארפין מאכי צו אייך אליין אונ ניט צו דעם
ר' הירש קאמענקער , זייען זייא גוט אונ עפענען זייא דיא טיר
איך בין מיט אקליין קינד אונ ער איזט שוין האלב פאר קליעט"
איך האב אנגיוואוין דיא ניזונד ביז איך האב מיך ערפרעגט צו
אייך , שומר ישראל , עס איזט דאך עפעס אוואלד ביי אייך ,
איינער קען דעם אנדערען ניט" "אונ ווער זייט איר ?" האט איר
מיינע פרויא גיפרעגט "אונ וואס ברויכט איר צו אונז ?" , "זאלט
איר גיזונד זיין רייזעלע" האט דיא פרויא פון אונטער דער טיר
גיענטפערט "שמייץ , איר דער קענט מיך ניט פון מיין קול ,
איך בין דאך ציפע , איצעלע בראכעס טאכטער פון יאנציין
לאזט אייך גירוסען הערצליך דער טאטע אונ דיא מאמע , זייא
האבין מיר גיהייסען צו פערפארען פראמע צו אייך" , "צו מיינע
צרות איזט עס" האט זיך דיא פרויא מיינע אפגערופין צוא מיר
שוין לאנג שטיל גיוועזען פון נעכטע אין אונזער קליינע ווירטשאפט
אונ וואס פאר אבהותנתמע איזט זיא מיט מיר , איהרע
אזוידע



ידע דאס זיך גיהאלט עפעס קרובים מיט מיינער מוטער
ה השלום .
וואס העלפט עס אבער רעכען היין רעכען הער מען קען
ך ניט אזוי גראב זיין צו זאגין איר וואו זיא קען בעקומען איינע
ע שטאנציע פאר גוט געלט , אונ עס וואר גיעפענט דיא טיר
ס פיל וויניגער צופרידענהייט אלס מען האט איר גיעפענט
ח צו דיא סדרים פאר אליהו , אונ עס איזט אריין אין שטוב
ונג ווייביל אין אשווארצען צו הייא (אויבער מאנטעל) מיט קען
עליינט , אונ מיט איין איינגעטולעטעם קינד אויף דיא הענט ,
ט האט זיך באלד געטאפט צו קוסען זיך מיט מיינער פרויא וואס
אר מיט איר פיל מעהר פרעמד אלס פערוואנדעט (קרובעטע) ,
ג פיל מעהר אונבעקאנט אלס בעקאנט , דאהער אלזוי קיין
וונדער וואס דיא אויפנאהמע וואר גאנץ קאלט דאך אבער
הפליך , האט נאך גיפרעגט ביי איר וואס מאכען איהרע
עלטערען , אונ וואס פאר אמאן זיא האט בעקומען אונ דאס
ייבען , אונ אם ענדע אלס זיא האט איר נאך גיוואלט פרעגען
אם איזט איר קומען קיין ווילנא , האט זיא דיא קוים צו גילינגטע
יר אויפגימאכט מיט גרוים האסט , אונ איין אידעשער פורמאן
ים אפויער האבין אריין גיטראגין אגרויסען שעפעט וואס וואר
ול אונ פאק וויא אשטאויצנער סאנדיקע נאך אדייכען ברית ,
נ באלד דארויף האבין זייא אריין גיטאסצעט אגרוים
ארעשקע (אהילצערנע כלי אדער קוביל מיט אצוגימאכטען דעק)
אם וואר שווער וויא איין מילשטיין אונ דער מיט וואר נאך קיין
נדע דען מען האט נאך אריין גיטאשצעט צווייא פולע
האלבע טון זעק .
עס וואר דאן אדר דרויסען , פאר פורים , דער וועג
לעכט , אונ דיא גאסען וואערען אלזוי דאן קויטיק ביז צום
ערזינקען, אלזוי איז דיר שוין (מיינע טייערע לעזערין) לייכט צו
ערשטיין , וויא בלאטיג עס וואערען דיא פיס פון זייא הדייען ,
בפרט

בפרט נאך פון פויער וואס ער איזט ניגאנגען אין לאפצעס, אונ האבין בייא יעדער טריט ניקוויצעט אונ גערייצעט וויא קליינע חוירמלעך, נון איז שוין דיר מיינע לעזערין גאנץ איבעריג צו מעלדען דאס דיא ערסטע כפרה וואר אונזערע ריינע פארלאגע. זייא האבין איר איינגישמוצט דורך אוס, דען דיזע גאסטין, דיא ציפע איזט גיט געבליבין שטיין מיט זייא אין דעם ערסטען צימער, זיא איז מיט זייא אריין באלד אין צווייטען צימער וואס דארט האט שוין מיינע פרויא אן ניצונדען אגרויסען לאמפ אונ עס וואר דארט שוין אלזוי פיל העלער אונ גראמער, זיא האט זיך אריין גיטאשצעט מיט זייא אהין אום צו בעצאלין זייא אונ צו בערעכענען זיך מיט זייא וואס זייא האבין אונטער וועגס אנגינומען בייא איר, אונ דיזעס האט גידויערט מער אלס איינע פירטעל שטונדע, אונ נאכהער אלס זיא האט זייא שוין ארוים גילאזין פון שטוב וואס זיא האבין איר אין דיזע קורצע צייט אומגימאכט פון איינער גידליכע (שיינער) וואוינונג אויף איין שווייניען שטאל, האט זיך דיא ציפע אפ גירופין צו אונז „אט ווען מען פארט קיין ווילנא ווילט זיך שוין וואס מיט נעמען אום אוים צו שלאגען הוצאות, אונ האב אלזוי גיבראכט פערציג טעפ בסחורה שמאלץ אונ אמון בעבעלעך, ווייסט איר ניט וויא עס האלט דא מיט דיא מקחים פון דיזע ביידע זאכען ?„, „מיר ווייסען עס ניט„ האט איר מיינע פרויא גיענטפערט, אונ האט איר צוא גלייך גיפרעגט וואס איזט איר קומט קיין ווילנא„, „מיין קומען אין ווילנא„ האט זיא איר גיענטפערט „איזט ערסטענס, אום צו שטעלען דאס קינד פאקין, צווייטענס בין איך אליין עפעס אויך ניט אין גאנצען געזונט כוו איך דא אריין גיין צו אדאקטער, דריטענס וויל איך דא איינקויפין סחורה אביסעל, דען איך בין גיוואהרין אשטיקעל קרעמערקע דען איך הער שוין אויף קעסט צו עסען„, אונ אלס מיינע פרויא האט איר גיפרעגט „צו וואס האט איר זיע גידארפט שלעפען אזוי אגרויסען שעפעט מיט זאכען, איר פארט דאך גיט אויף אחתונה„, „גיין





האט זיא זיך אפגירופין „איך האב מיט זיך גינומען גאנץ ווייניג זאכען, עס ליגט אין שעפעט צעהען שטיקלעך לייוועגט, פינף פאק טיילקעס, אונ מעהר אלס פופציג פאר וואלענע מיצקעס אונ זאקען.

„גוט„ האבין מיר אונז גיטראכט „דאס איזט אנאסט ניט אויף אוויילע, אונ דער צו נאך אנאסט וואס וועט אונז פאלען העכסט צו לאסט, אונ בייא אלעם דעם ווייל זיא איז דאך שוין אין דעם שאטען פון אונזער באלקען, האבין מיר איר צו ווילינדיג ניט ווילענדיג בעהאנדעלט זייער העפליך אונ צו גלייך העכסט פריינדליך, מען האט גימאכט באלד דעם סאמאוואר, אויסגיבעט איר אין צווייטען צימער אויף אזאפע, אונ מיינע פרויא האט מיט איר אוועק גיפלוידערט אשטיק אין דער נאכט, דען זיא (דיא ציפע) האט גיהאט פילעס צו דער ציילען, פון דעם שלעכטען וועג, פון איר שטעטעל, פון איהרע עלטערען, איבער הויפט פילע גסים פון איר שידוך וויא אזוי ער איז גיוואהרין נאך מעהר פון איר מאנס גדלות, וואס פאר אלייט ער איזט, אלמדן, אמתמיד, אירא שמים, דאס ער איז איין גרויסער תקיף בייא דעם רביל זייערען, דאס עס בענצען זיך מיט אים אלע ווייבער דאס זייא זאלין אזעלכע קינדער האבין, קורץ גיזאגט, מיין מאנציק' זאל גיזונט זיין, האט זיא גיזאגט, איז אין אונזער שטעטעל דיא איבערסטע פון שטויסעל, דיא קרוין פון דער לאמענאציע, דער שמארט זיינער, אלע ווייסען דאס ווען ער גייט דאווענען איז זיבען זייגער, גייט ער איבער בייסען איזט עלף, גייט ער וואַרעמעס עסען איזט דרייא.

קוים איז זיא אנטשוויגין גיוואהרין האט אנגיהייבין צוא שרייען דאס קינד, דאס מיר האבין ניט גיקענט איינשלאפין ערסט ארום דרייא דעם זייגער, אונ אלס איך האב מיר אויפגיחאפט האב איך שוין דער ווייסט דעם אויבען גאנץ פערהאנגען מיט ווינדלעך, מיט פאסצעלקעס וואס וואַרען האלב פערגאלדעט אונ

געפרייט, דען מיר האבין גימיינט דאס מיר זיינען שוין אויף טריקענעס (דאס הייסט גיפטערט) מיר האבין אבער אונז גאנץ בעטראגין, דען זיא האט זיך אפגישטעלט אויף ווייטער, זיא האט צוואר שוין אלץ איין גיקויפט וואס איר נייטיג איז, אונ אויס לויז צו ווערען פון איהר וואס צום גיכסטין האבין מיר איר גנעלט געליהען דארויף, ביז זיא וועט אפ לייזען פאר איהרע סחורה, אבער גאנץ גיפעלט, זיא האט דיא סחורה ניט גיוואלט פערקויפין אונטער דעם מקח מיט וועלכען זיא איזט ארויס גיפארין פון דער היים, אונ איז גיבליבין אלזוי זיצין ווייטער ביז עס וועלען זיך דיא מקחים בעסרען, צום אונגליק אבער האבין דיא פרייזען זיך ניט געהויבען, אונ איז פערבליבין ביא אונז נאך עטליכע טעג וואס אין זייא האבין זיך דיא פרייזען גיביטין וויא דער אפריל וועטער, דען אלס עס האט זיך איין עטוואס געהייבין בעבלעך, איז גיפאלען שמאלץ, אונ אלס עס האט זיך גיהייבין שמאלץ איז גיפאלין בעבלעך, אלע טאג אנדערע סוחרים, אלע טאג אנדערע מקחים, ביז וואנען עס איז אונז שוין מיאוס אונ מאוס גיווארין צו הערען אלץ דיא ווערטער בעבלעך שמאלץ.: שמאלץ בעבלעך, אונ אלס מיר האבין איינגיזעהען, דאס דיזער שמוציגער גישעפט וואס שטערט אונז דאס לעבין אונ אונזער פרנסה וויל גאר קיין ענדע נעמען, האבין מיר אונטער געשיקט סוחרים צו איר דאס זייא זאלין איר נעבין דעם מקח וואס זיא וויל, אונ מיר האבין דער ביא צוא גיזעצט אונזערע אייגענע עטליכע רובל, אונ מיר זיינען פון איר קוים לויז גיווארין, אונ דיזע שוויינאינעל (העכסט אונרייניגער מענטש) איז אוועק פון אונז מיט דער מיינונג נאך, דאס מיר ווארען העכסט צו פרידען מיט איר, אונ האט נאך פארצייכענט ביא זיך דעם נאמען פון דער גאס אונ פון דעם הויף וואו מיר האבין דאן גיוואוינט, אלס איין אנצוהערענס דאס זיא מיינט צו זיין נאך אמאל אונגעזאמט אין ווילנא אונ איינקערען ווידער צו אונז. זיא איזט אוועק אונ האט

גיט



ניט גילאזין אזוי גאר איינע אטיעזרע דער ארעמע אנגייערקע וואס האט גינוג גיפארעט ארום איר, אונ האט אונז גילאזען צום אנדיינקען עטליכע סאק וואנצען, פרייסען, אונ אפאר הויפע אונפלייט, אונ מיר האבין גיהאט גענוג צו ראמען, צו וואשען, צו ריינינען, צו זויבערען נאך פיל מעהר אלס פאר פסח, אונ גאנץ יאר נאך דעם פלעגט אונז איינפאלען דיא דמים ביא דעם אנדענקטען קלאפ וואס מען האט גיטאן אין אונזער טיר ביא נאכט, דען מיר האבין זיך גיפירכטעט צו קומט זיא ניט ווידער, נור גאט זייא דאנק מיר האבין איר שוין ניט מעהר גיזעהען, זיא וואר צוואר אין האלב יאר ארום אין ווילנא, מיר האבין אבער דאן גיוואוינט אין איינעם זעטער קווארטיר אונטערען שטאדט, אונ ווייל זיא האט גיוואוסט דאס דארטין קען זיא ביא אונז ניט איינשטיין איז זיא ניט גיקומען אזוי גאר בעזוכען אונז.



אין אפאר יאר ארום, וואר איך געהיימזוכט (גיפלאגט גיווארין) פון איינעם מענליכען גאסט (דאס הייסט פון אגאסט וואס וואר שוין קיינע פרויענצימער נור אמאנספערזאן), אונ האב פון אים ניט וויינינער גיליטען אלס פון דער ציפעק, דיזער האט מיך געהיימזוכט (געפלאגט). פאר פסח, ער האט אויך איין גיקערט צו מיר פון אוועגד מיט אגרויסען פאק ספרים, דען ער וואר איין פערפאסער (מחבר) וואס האט גימאכט אפירוש אויף דער הגדה, ער וואר אמאל מיינער אקרוב פון זיינער ערסטעם ווייבס צד וואס ער וואר מיט איר אין איינעם ביא שווער אונ שוויגער ביז איבער קעסט, אונ נאכהער האט ער זיך גערדייט מיט איר אצייט מיט יארין, אונ וואלט זיך נאך ביז איצונד מיט איר נידרייט ווען זיא וואלט נאך גיהאט געלעבט, דען אלס ער איז צו מיר גיקומען האט ער זיך שוין גידרייט מיט דער דריטע פרויא, אונ ביא אלעם דעם וואר נאך אים דער קאפ ניט פערדרייט צו געדיינקען דאס זיינע ערסטע פרויא וואר אשטיקעל קרובה מיינע אונ אויב וואויל ער האט דאך שוין

דיא

דיא דריטע פרויא ביי אלעם דעם ווערט ער אנגערופען דארט אין זיין קהילה טריסאק אויף דער נאמען פון זיינער ערסטען שוויגער ,וועלוועל צערנעס .

באלד ביי זיינעם אריין טרעטען אין שטוב , בעמאר איך האב אים נאך שלום גיגעבין דען איך האב אים קיין מאל גיזעהען , אונ האב אים גיקענט נור אויס הערען אונ זאגין פון דער צערנעס טוגר (זיינע ערסטע שוויגער) וואס וואר מיינע אשני בשלישי וואס פלעגט זיך אין אנהייב צו רייסען לויבענדיג אים , אונ דער נאך שענדינען אים , אונ האב גימיינט אלזוי דאס דיזער מענטש איזט נור איין געמיינער גאס מענש אלאסט טרעגער וואס האט זיך פעראירט מיט דיזעם פאק וואס ער שלעפט מיט זיך (דעם פאק הגדות) צו מיר אין שטוב , אונ וואר אלזוי אין בעגריף (בריעה) צו זאגין אים דאס ער האט א טעות , האט ער מיר דער לאנגט א בריף פון דעם טריסקער רביל , אונ האט מיך באלד אנגירופין מיט מיינעם ליבען נאמען , אונ האט זיך מיר צו גלייך אנגעמעלדעט פאר א מי שהיה קרוב , אונ דער ביי מיר גיזאגט ווער ער איזט , וויא אויך דיזע מעלדונג זיינע צו מיר אלס גיוועזענער קרוב וואר מיר העכסט לעבערליך , ביי אלעם דעם , האב איך אים גיגעבין באלד שלום , אונ האב אים גיבעטען זיצען , אונ האב גיעפענט דעם בריף , צוא מיינעם לייד וועזען (פערדרוס) אבער וואר דער שרייבער פון דיזעם בריף איין גרויסער מאן אונ דערצו נאך איין גוטער פריינד מיינער וואס איז געשטאנען ביי מיר אין גרויסער אכטונג , ער איזט דארט אין טריסאק רבעל ניט אויס נויט , נור אום צו פיהרען איין רוהיגעם לעבען אונ אין זיך דער צו גאנץ רייך , אין דיזען בריף האט ער מיר פארגישטעלט דיזען וועלוועל צערנעס , פאר א גרוישין חריף , בקי , פאר א ירא שמים , האט געלויבט זיין ספר , אונ דער מאנט מיר צו גלייך דאס ער איז מיינער א גיוועזענער קרוב , אונ בעט מיך צו גלייך דאס איך זאל אים אויף איינינע טעג איינפלאצירען

פלאץ



(פלאץ מאכען) אין מיינער וואוינונג אויף איינינע טעג , אונ זאל אים זיין בעהילפליך ביי דעם אויסטהיילען דיא הגדות אונטער ווילנער נכבדים , בעשווערט מיך דער ביי מיט זיינער אכטונג אונ ליבע דאס איך זאל ערפילען זיין וואונש , ערסטענס ווייל דיזער וועלוועל צערנעס איז א גרויסער למדן , אונ צווייטענס ווייל ער איזט איצונד זיינער א קרוב גיווארין , דען ער האט ניט לאנג חתונה גיהאט מיט זיינע א קרובה .

מעהר אויס אכטונג צו דיזעם גרויסען מאן וואס איך האב פערלעבט מיט אים מעהר אלס איין מאנאט אין איינער ווארעם באד (בריסטאן) אונ ווארען העכסט בעפריינדעט מיט איינאנדער , אלס צו דיזעם לוסטפיגען (הגדה מחבר) פערפאסער , האב איך אים שוין דער האלטען גיעכטינגען ביי מיר , האב אים איין געלאדען צו אבענד ברויט , אונ האב אים צו ווילענדיג צו ניט ווילענדיג אפ גיטרעטען מיינע איינענע בעטעל וואס איז גישטאנען אין דעם ערסטען צימער , אונ וואס גענען מיר וואר האט דער ביי אויס געשטעלט מיין ביבליאטיק פון ספרים אונ ביכער , דער ביי אויך מיין שרייב טישעל מיט מיינע שרייב צייג , אונ איך אליין האב מיך פאציעסצעט אויף דער זאפקע מיינע אין דעם צווייטען צימער , האב אבער אויך קיין אויג ניקענט צו טאן דען ער האט זיך אנאנצע נאכט גוט צו געהוסט , דרייא מאל פייער אנגיצונדען , דרייא מאל אויס גילאשען , דרייא מאל אפ גינאסען נעגעל וואסער אונ געקוקט אין א ספר , אונ באך דארויף דרייא מאל האט איינגישלאפין אונ האט גיחראפעט .

אויף מארגין אין דער פריא האב איך דער וויסט קאפען קיסענס פון מיינער בעטעל וואס ווארען קלאר אונ נ[illegible] וויא זילבער , גאנץ פערפלעקט אונ פערגאוועט , דעם שנייא ווייסען לייליך שווארץ וויא דיא ערד , דען ער האט גישלאפין אויף אים אין אלעסען , דער צו נאך האב איך דער וויסט דעם גאנצען ביבליאטעק אויבגעקערט פון אויבערסט צו אונטערסט ,

דען

The ordeal of cleanliness ⟷

ritual excesses

דען ער האט איבער נאכט איבער געזעהען יעדען ספר בעזונדער, אויף מאנכע וואס זיינען אים עפעס ניט געפעלען האט ער נאך וואס אויף געשריבען מאנכע קללות וחרפות, ווי דער שפריכווארט זאגט „נארען הענדע״, באמאלען און בעשרייבען טיש און ווענדע.

אלס מיר זיינען אויפגעשטאנען האבען מיר אים שוין ניט דער וויסט. דען ער איז אוועק אויף דעם שול הויף דאווענען און האט געלאזען די טיר אפען, אויך האט די פאדלאגע אין פאדערצימער גינוג געליטען פון אים דען ער האט גראדע געטראפען אויף די הוילע דילען און האט עפעס ווי מיט אבזיכט אויסגעמידען די לאנגע און שמאלע דיוואנציקעס וואס ווארען אויסגעלייגט צום גיין דארויף, איך וויים ניט צו ער האט עס געטאן אויס גרויסע אונוויסענהייט, דאס הייסט ער האט געמיינט פיליכט, דאס גראדע דארויף זאל מען ניט גיין, נור אויף די הוילע פאדלאגע, דען די דיוואנציקעס זיינען דאך פיל שענער און טייערער אלס די דילען, אדער פיליכט האט ער עס מיט אבזיכט געטאן, דען די אלטמאדעשע מענטשען האסען די ריינטליכקייט פון גרונד אויס, און אזוי האבען מיר ניט געקענט אים די גאנצע צוויי וואכען וואס ער האט פערהינעט (פערזאמט ביי אונז) ניט געקענט בערעדען, דאס ער זאל נור גיין איבער די דיוואנציקעס, און דאס ער זאל שפייען, חראקען נור אין די שפייא קעסטעלעך, און שנייצען די נאזע מיט איינעם שנופטוך וואס מיר האבען אים געגעבען, אבער ניט מיט דעם האנדטוך, און דאס גלייכען דאס ער זאל ארום ווישען די שטיוועל אן די שטרויעלעך וואס ליגען פאר דער טיר, און אלס מיר פלעגען אים דאס אויסרעדען, פלעגט ער ווערען פערדריסליך, און פלעגט צו זאגען ביי איך אין ווילנא איז אלץ פערנויעסק, אין איינער אידעשע שטוב דארף ניט זיין איינע ריינע פאדלאגע,





און עס קען מאקע ניט זיין אויך, אז איך טו אלע ווילע וואשען די הענד, זאלצען און קאשערען פלייש, און אמאל אמגין מאכען ביי זיך אין שטוב, און דאס מאכט זיך שמחה, און דאס איז אפלעט אויף שבת. נו ווער איר עס אלץ איינהיטין דאס יעדער זאל פריהער די פיס אבווישען, און זאל גראדע טרעטען אויף די דיוואנציקעס, דאס קען מען מער ניט אפ היטין ווי ביי גוים, און צווייטענס וואס האט מען דער פון, קיין עולם הבא געווים ניט, און ווי מיר דוכט קיין עולם הזה אויך ניט, דען עס איז דאך אגרויסע טרחה צו ריינגין די שטיוועל אלע ווילע, און אלס מען דארף אשפייא טאן זאל מען זיך שלעפען צו דער שפייא קעסטעל וואס העלפט עס אבער, איך האב דיזען ווילדען (דיקאר) ניט געקענט איינווענדען אין דעם, און צוא גלייך ניט געוואלט איינווענדען, דען ער אליין און זיינע מלבושים אויף אים ווארען שמירע שמוץ, און דאך האט זיך דיזער שמוץ קערנדל איינגיהאלטען ביי אונז אין שטוב גאנצע צוויי וואכע, נארענד אונז דאס מארגען אדער איבער מארגין פארט אוועק, און דער ביי וואר אונז לייד אום צו ווייזען די טיר, און ווען ער שוין איין מאל ביי אונז אים וואר, ווארער שוין אויך אלע מאל אונזער גאסט ביי טיש, און האב געהאט גינוג מיהע אים אויס צו לערנען צו האלטען אלעפעל אנאפיל, און ווי צו זיצען, דאך אלס אין פריינדליכען טאן, האלב שערצענד (שפאסהא

אזעלכע צוויי וואכין זאלין זיך שוין ניט מער א... רע לכבד זיין איינשטיין און עסען ביי מיר, האט ער מיך העכסט דער עסען, ערשטענס מיט זיינער אונריינטליכקייט, צווייטענס מיט זיינע תורות זאגין, איינעגע קאמפעזיצעס וואס ווארען קרום און לאם ווי איין קאצערע, און וואס ער האט מיר דער מיט געשטאפט און געקראפט מיט גוואלד ווי

An old chestnut
Daughter of Lot

איינעם ענדיק פאר פסח מיט וועלעשע גים , אונ האב גימוזט
דורך לערנען מיט אים צוא זאמען דעם פירוש פון זיינער
הגדה , אוים פורכט פיליכט וועל איך לייענדיג אליין מאנכע
שטיקעל איבער היפען , אדער ניט פערשטיין חלילה , דען ער
האט גימיינט דאס עס ליגט אין דעם דיא גרעסטע עמקות ,
דריטענס פלעגט ער זיך גאנצע נעכט מתוכח זיין מיט מיר
ווארום האב איך אין מיינעם ביבליאטעק נייע מאדעשע ספרים
אונ טרייף פסלען (ביכער) אונ האט מיך צו גלייך גישטראפט
וואס איך שרייב דיא אידעשע ביכלעך , וואס לייענען נור
מיידלעך אונ ווייבלעך , אונ האט אוים גירעט וואס אין קארט
שטייט אויף אלע נייע גילערענטע הן מחכמי ישראל , אונ
הן מחכמי האומות , אונ האט זייא גימאכט צו קויט אונ צו
בלאטע , אונ איך האב אים גיגעבין דארויף רעסטע אבער
מיט גאנץ קאלטען בלוט ווייל ער איין מאל מיין גאכט איזט ,
אונ פלעג צוא פערטרייבען מיט מיינע שאלות אין דער איינגע
דאס ער האט זיך גיט גיקענט אקער טאן , איך וועל ניט
לייקענען דאס דער קאפ זיינער וואר גוט , ענטוויקעלט
(ראזוויטע) דורך פיל גמרא לערנען , אונ וואר אבבי (קלאר
אין כמה וכמה מסכתות) דאך וואר דער שכל זיינער העכסט
זאפיסטעם (שווינדעל) , אונ אזוי וייט אונלאגיש (ניט גרונטיק
דאס לא די וואס ער זעלבסט האט גיט גיקענט : זאגין וואס
גראדעם , ער האט אזוי נאר ניט גיקענט פערשטיין אונ
בעגרייפען דאס גראדעם וואס אין אנדערער זאגט , אזוי וייט
וואר זיין פערשטאנד אונגעזונד , אונ פערקריפעלט (קאלעצעט),
אונ האט אלזוי ארייין גיקוקט אין גאטעס וועלט ווילד אונ
אונוויסענד וויא לוטס טעכטער וואס האבין גימיינט דאס
סדום איזט דיא גאנצע וועלט, אונ דאס אלס סדום איז שוין
אונטער גיגאנגען איז שוין ניט גיבליבין פאר זייא קיינע
מענער אין דער גאנצער וועלט מער ניט זייער פאטער לוט ,
אונ



אונ האט אלזוי גימיינט דאס אונזער שטיקעל בלאטיקע ליטע
וואס מיר ארעמע אידלעך לעבין אין איר פון שיינקלעך אונ
פון שאחער , אונ דער צו נאך שטיינס גיזאגט וויא לעבין
מיר , אין נויט , בעלאסטעט מיט זארגין אונ מיט שולדען
ביז איבערען קאפ , אונ עסען וויא צו זאגין נור טעג איינער
בייא דעם אנדערען , מאכט אוים (איזט) דיא גאנצע וועלט , אונ
מיר ליטהויעשע אידין דארפען זיין לויט רעכט איין מוסטער
(פרימער) פאר אלע פעלקער פון דער ערד , ער זעלבסט האט
עס מיר גיזאגט , אונ איך האב אים דאן איינגיוועגדעט מיט
דער פראגע יוען אלע אומות העולם זאלען זיך ריכטען (פירען)
נאך אונזער ארט לעבין , וויא מיר לעבין אין דיזע צייטען ,
וואלטען אלע מענטשען אויסגישטארבין פון הונגער , דען ווער
וואלט אקערען , זייען , שניידען , דרעשען , בהמות האדעווען ,
וועלדער ערציהען אונ האקען , אין שטרייט גיין , שטודירען ,
דען מען מוז דאך האבין דאקטוירים , אונ דאס טארין דאך
ניט אידען לויט זיינעם גאנג , דאס אלע אידין מוזין האלטען
בייא לערנען , אונ מאכען פירושים אויף הגדה , אונ איין
בעוויז דארויף , דאס מיר אידען קענען פיל מעהר ניט אוים
קומען אן אנדערע פעלקער , אלס זייא אן אונז , דאס מיר
1530
אידין האבין דא אין פוילין אונטער דיא רעגירונג פון דעם
פוילישען קיניג וולאדיסלאוו אין דעם יאר טויזינד פינף הונדערט
דרייסיג , פילע טעג גיפאסט אונ גיבעטין אין אלע שולין , דאס
עס זאל בטל ווערען דיא גזרה דאס מען זאל אלע אידין
בעזעצען אין אבעזונדערע גובערניע אדער אבלאסט וואס עס זאל
זיך דארט קיין פאלאק גיפינען , אום זייא זאלין ניט האבין
קיינע גילעגענהייט צו נאזיכערין מיט דיא קריסטין , אונ ניט
צו פערקויפין זייא בראנפען , אונ אום צוא מאכען פון זייא
גוטע לאנדעס לייטע (עובדי אדמה) , אונ זייער גיבעט איז דאן
אנגינומען גיווארין פון גאט ברוך הוא , דען ער האט צוא
גישיקט

Anna, Wladyslaw's daughter
died 1547

געשיקט פאר זייא איין גוטען מליץ, דיא פרינצעסען אננא ווילאדאסלאווס טאכטער, זיא האט דעם פאטער אבגיהאלטען דער פון, אונ דיזע גזרה איז בטל גיווארין, דיזע אננא איזט גיבליבין איינע יודין פריינדין ביז איר טויט, זיא איז גישטארבין אין דעם יאר טויזענד פינף הונדערט זיבען אונ פירציג, אונ זיא האט פאר איר שטארבין גיבעטען אונ בעפוילין איר מאן פערדינאנדוס וואס וואר קיניג פון בעהמען, דאס ער זאל מטיב זיין מיט דיא אידין וואס אין זיינע לענדער זיינען*).

קורץ גיזאגט, עס וואלט גאנצע ביכער פארנומען ווען איך וואלט ווען אלעס בעשרייבין וואס עס איזט פאר גיקומען אין אונזערע ויכוחים. איך האב אים טויזענד מאל אין דער איינע נעטריבין (מנצח גיוועזן) ער איז אבער ביי דאס זיינע גיבליבין, דען ער וואר אויך איין גרויסער נצחן דער צוא (פאראציק).

מעהר אבער אלס אלע אונזערע דיספוטין מיט איינאנדער האט אויף אים גיווירקט דאס פראקטישע לעבין פון צווייא וואכען אין אונזער ווילנא, דען ער איז אוועק פון איר גאנץ ענטטיישט (אויסגעניכטערט) פון זיינעם פאריגין וואהן (דמיון) אדער פאלשען בעגריף וואס ער האט גיהאט ביז אהער פון דער וועלט וויא איך אמאל אין מיינער קינדהייט פון סלאנים וואס איך האב פון איר ניט גיוואוסט נור דאס מען מאכט אין איר גוטע תפילין האב איך גימיינט דאס אין אלע גאסען אונ געסלעך דארט שטייען קובלען מיט טינט אונ סופרים זיצען ארום אונ מען שרייבט אלץ תפילין, אונ האב מיך ענטטיישט (אויסגיניכטערט) פון דיזעם וואהן ערסט אלס איך וואר דארט

אין

*) בריפע איבער פאלען פאן דעם אבטע דעלאפארטע. דרוק לייפציג (1780) ביי יאהאן גאט ליב.

Briefe uber Polen von Abbot de la Forte
Leipzig. Johann Gottlieb, 1780.



אין שטאט, אונ האב דער וויסט דאס דארט זיינען דא קראמען שיינקען וויא אין אלע שטעט, אונ סופרים זיינען דארט דא דרייא אדער פיר וואס וואוינען אין איינע עקע פון שטאט, אונ זיינען גרויסע אביונים, ער האט גימיינט דאס ווילנא וועט אויף ראשען ביי זיינעם קומען אין איר, אונ דאס מען וועט זיין הגדה צו האפען וויא מצה וואסער אונ וועט מאכען עשירות פון איר, דער צוא נאך וועט ער ווירקליך גיפינען ווילנא וויא אלע שנארער דער ציילען פון איר, דאס דער גאנצער עולם ליגט אין דיא קלויזען, אונ איין ווארט מען לערענט אונ מען דאווענט אין איר, אונ אבטלן איז א טייערע צאצע אין איר.

גיין ער האט דער וויסט אין איר גאנץ פערקערט, ער האט דער וויסט אין איר איינע גאנץ וועלטליכע שטאדט, גרויסע גישעפטס לייטע, שיינע האנדווערקער, שטודענטען, אונ דאס מען וואוינט איבעראל ריין אונ ציכטיג, אונ דאס מענשען זיינעם גלייכען האבין גאר קיין אוונאזענע דארט, ווען קיין דינסט האט אים נאר ניט גיוואלט אריין לאזין אין א לייטעשע שטוב, ערשטענס ווייל זיא האט אים אנגינומען פאר איין גימיינעם שנארער, אונ האט אים גיוואלט אפפערטיגען מיט א גראשין אדער מיט א קאפיקע, אונ וואו ער האט שוין אריינגעקוועצט וויא עס איז, אונ האט שוין גיהאט גליק צו גיפינען דעם ווירט, וואר דיא אויפנאהמע דארט קאלט, ביי דעם גרעסטען טייל האט זיך זיין ספר [illegible] איבער גישטעלטע פיאפקע נאר ניט גיקענט אן [illegible] אונ וואו עס האט זיך שוין יוא אנגינומען וואר דיא [illegible] ניט ווערט דער בעלוינונג, אין מאנכע ערטער האט ס[illegible]ם נאך גילייענט דיא לעוויטען, דאס הייסט אויסגירעט וואס איזט עס פאר איין עסק הייגטיגע צייטען צו מאכען נייע פירושים אויף הגדות, מיר האבין שוין גינוג דיא סחורה, נון הייסט

עם

עס פראכט אום צו האבין מיט וואס צוא שנארען״, מאנכע האבין אים גינעבין צו רובל זייא האבין אבער דיא הגדה אויך אב גינעבין צוריק אדער גאר ניט אנגינומען, אין איינעם אנדערין ארט האט ער גיהאט גאר דיא בזיונות, ער האט דער וויסט אין איינעם רייכען הויז דעם ווירט זיצענדיג איבער א גמרא אונ איינעם יונגען מאן געביגדיג אונטערריכט אין העברייאישען זיינעם אאינגעל, אלזוי האט זיך אים גידוכט דאס דא איזט ער שוין אין זיין עלעמענט, דאס הייסט ער איז אריין גיקומען אין אשטוב פון תורה, דער ווירט האט אים גימאכט באלד דיא קאלטע פראגע וואס ער ברויכט, אונ ער האט באלד אריין גישטעקט דיא האנד אין בוזעם קעסענע, האט ארויס גינומען איינע הגדה אונ האט עס אים אנגיבאטין מיט דעם גיוואינליכען נוסח זיינעם ״איך בין אמחבר, האב גימאכט אפירוש אויף הגדה, נון וויא איך ווייס דאס איר זייט אאיד אלמדן פערלאנג איך פון אייך דאס איר זאלט מיר געבין צו לייזען פאר איינע״, ער האט צו גינומען פון אים דיא הגדה, האט איר אקוק גיטאן, דורך גיבלעטערט, האט דער בייא איין עטוואס גישמייכעלט, אונ האט איר אנגיבאטין מיט זיינעם אויסגישטרעקטען ארעם דעם לעהרר שטום לעכעלענד, אבער גינוג דייטענד דאס ער זאל זעהן וואס פאר אפראסטאק ער (דער מחבר) איז אין דעם אידישען גראמאטיק (דקדוק), אונ האט אים דעם מחבר באלד דארויף גאנץ גוט בעצאלט, דער וועלוועל צערנעם האט אים גידאנקט אונ איז ארויס פון שטוב האלב גיבראטין האלב גיזאטין, דען ער וואר ניט קראנק צו מערקין גיוועזין דאס דער ווירט האט דא גינומען אים ערטאפען אויף איין גרויסין פערזעהען, אונ האט זיך אפ גישטעלט הינטערין טיר צו דער הערען פיליכט דעם פעהלער אום עס נאך הער מיט דער פעדער אויס צו בעסערען, נון האט ער גיהערט צו זיינער שאנדע וויא דער לעהרער האט זיך אין

אסליינע



קליינע ווילע ארום אפ גירופין צו אים (צו דעם ווירט) ״מיר וואונדערט אויף אייך דאס איר האט אים גאר בעצאלט פאר זוי אספר וואס איזט דורך אויס פול מיט גרייזין אונ מיט אלטע שמאכטעס״, ״א איך דארף זיין הגדה וויא אבולעט פון איינער קאקעקציע, אונ וויא מיר ארט ניט צו דיזער איז פול גרייזען, אזוי ארט מיר אויך ניט צוא איזט יענע גרייזיג, ביידע נור דינען דעם ליבין גראשין, אונ ביידע מוזין איינגיצאלט ווערין צוא אוים געפיל צו אוים רעכט, אלס איינס, אלזוי האב איך שוין איין אונ צוואנציג הגדות.

דער וועלוועל צערנעם האט זיך ארויס גיכאפט פון דארט דיא פון אונטער איינעם הייסען אויפגוס, אונ איז גיקומען צו מיר איין העכסט גיקריינקטער, אונ האט שוין מיר האלב מהה גיוועזין דאס מען מוז אריין אין דער וועלט מיט פיל גילטיגערע אונ פיל נוציגערע טאלענטע אלס צו מאכען איין פירוש אויף דער הגדה, קורץ גיזאגט ער האט גימאכט אין דיא צווייא וואכין אין ווילנא ארוביל פופציג, אונ דיזעם האט ער גיהאט צו פערדאנקען נור מיך וואס איך בין זעלבסט מיט אים אריין צו מיינע בעקאנטע, דער ערשטער נעהמער פון זיינער הגדה וואר איה פאר איין גוטין גראשין, אונ נאך הער מיינע פערוואנדטע, דיא וואהרהייט צו זאגין, איך האב ע[illegible] ניט גיטאן אזוי אוים מצוה, דען איך ווייס מאנכע פון מ[illegible] בעקאנטע דאס עם וואלט גיוועזי פיל מעהר מצוה נ[illegible] נעהמען בייא זייא אלס נעמען, איך האב עם גי[illegible] אום לויז צו ווערין פון אים, אונ אום דיזען ציל [illegible]כען (צו דער גרייכען) האב איך אים פאר איינינע הג[illegible]אם איך האב זייא אויפגידרונגען מיינע בעקאנטע אונ זייא האבין נאך קיין געלט גינעבין, האב איך אים בעצאלט אונ ער איזט אוועק פון מיר קיין מינסק, אונ האב גילויבט דעם אויבערשטען דאס איך בין פטור גיווארין פון אזוי איינעם לעסטיגען גאסט

וואס

וָואס הָאט מִיר אוים גִיפְּרֶעסְט מַיין גִיזונְד , גִיקְרֶענְקְט מַיין נַייכְט , אונ גֶעשְׁטָערְט מַיין אַרְט לֶעבְּין , אונ חוץ דֶעם וָואס מֶען הָאט גִיהַאט נַאכְהֶער דִיא וַואשֶׁענֶעם אונ דִיא רַאמֶענֶעם , אונ הָאט אונְז אויךְ גִילָאזִין אַפָּאמְיאַנְטֶקֶע פון דֶער דְרִיטֶע עֶגִיפְּטִישֶׁע פְּלַאגֶע (כִּנִים) אונ נָאךְ דֶר דֶעה נָאךְ דָאס דֶר עָרֹב אִיז בֶּעשְׁטַאנֶען ופון אַלֶער הַאנְד אִינְזֶעקְטֶען (נַאסֶעקָאמֶע אָדֶער בַּעֲלֵי זְבוּבִים) הָאט עֶר אונְז אִיבֶּערְגִילָאזְט אַפָּאמְיָאנְטְקֶע אויךְ פון דֶער פֶערְטֶע עֶגִיפְּטִישֶׁע פְּלַאגֶע וַואנְצֶען אונ פְּרַייסִין , אָט אַזוי לַיידֶעט מֶען אֶין דֶער וֶועלְט זַייעֶר פִיל פון שְׁלֶעכְט פֶערְשְׁטַאנֶענֶע טוּגֶענְדֶען (פְרוּמְקַייט) , אונ בִּין אַלְזוי שׁוין צוא עֶנְדֶע מִיט דִיא עֶרְצֵייהְלוּנְגֶען פון דִיזֶע צְוֵוייא פֶערְשַׁיידֶענֶע בֶּעזוּכֶע .

דִיזֶע צְוֵוייא עֶרְצֵייהְלוּנְג הָאבְּין נִיט וַויינִיגֶער גֶעוִוירְקְט אונ גִירַייצְט צוּם לַאכֶען דֶעם הֶערְרֶען מַארְקוּס , זַיינֶער פְרוֹיא אונ דָאס גְלַייכֶען אויךְ דֶעם הֶערְרֶען פְּרַיידִיגֶער גוּאוּלְף בִּינֶער שְׁטֵיין אַלְם דִיא עֶרְצֵייהְלוּנְג פון דֶער מַאדַאם צִיקָאדֶע , אונ בַּייא אַלֶעם דֶעם וַואר עֶר (דִיזֶער פְּרַיידִיגֶער הָעכְסְט גִיקְרֶענְקְט דֶער פון דָאס אִיךְ בִּין אָנְגִיפַאלֶען מִיט אַזוי אַבְּלוּטִיגִין קְרִיטִיק אָן דִיא פְרוּמֶע זִיטֶע (מִדָּה טוֹבָה) פון נַאסְט פְרֵייהַייט (הַכְנָסַת אוֹרְחִים) וָואס שְׁפִּילְט אַזוי אַיינֶע גְרוֹיסֶע רָאלֶע אִין אוּנְזֶערֶע אִידֶעשֶׁען דַת , אונ הָאט עֶס מִיר בַּאלְד זַייעֶר דֶערְבּ (חַארְט) אוֹיסְגִירֶעט , אונ דִיזֶעם הָאט פֶערְאַנְלַאסְט (פֶערְאוּרְזַאכְט) צוא אַיינֶעם טִיפֶען דִיסְפּוּט אונ גִישְׁפְּרֶעךְ צְווִישֶׁען אונְז בֵּיידֶען וָואס אִיךְ בִּין גִיבְּלִיבְּין אִין אִים דֶער זִיגֶער (תַּקִּיף) אונ דֶער גִירֶעכְטֶער , אונ אוּם עֶס אַזוי צוא בְּלַייבְּין אויךְ , בַּייא דִיר מַיינֶע טַייעֶרֶע לֶעזֶערִין וֶועל אִיךְ דִיזֶען דִיסְפּוּט דָאס נִידֶער שְׁרַייבִּין , אונ בִּפְרָט דָאס עֶר וֶועט נָאךְ זַיין פַאר דִיר פון גְרוֹים נוּצְבֶען .





5.

(דֶער דִיסְפּוּט)

מַיין בֶּעסְטֶער פְרַיינְד , הָאט זִיךְ דֶער פְּרַיידִינֶער אָפּ גִירוּפִין צוּ מִיר : אִיךְ הָאבּ דָאךְ צְוַואר מִיט גֶעלַאכְט דָא פון אַייעֶר דֶער צֵיילִין פון דֶעם מְחַבֵּר וַוייל אִיר הָאט עֶס וִוירְקְלִיךְ הֶעכְסְט קָאמִיש (לֶעכֶערְלִיךְ) פָארְגֶעטְרָאגִין , דָאס עֶס וַואר מִיר אוּנְמֶעגְלִיךְ אַיין צוּ הַאלְטֶען זִיךְ פון לַאכֶען , דָאךְ זָאג אִיךְ אַייךְ בַּייא מַיינֶעם וָוארְט דָאס מַיין הֶערְץ הָאט דֶער בַּייא הֶעכְסְט גִילִיטִין , דֶען אִיר הָאט (הָאט קַיין פֶער אִיבֶּעל) פֶערְלַאכְט אַזוי אַבֵדָה טוֹבָה וָואס שְׁפִּילְט אַגְרוֹיסֶע רָאלֶע אִין אוּנְזֶערֶע אִידֶעשֶׁע רֶעלִיגְיָאן אונ צִירְט אִיר וִויא דֶער גְרוֹיסֶער רוּבִּין דִיא קְרָאנֶע פון דֶעם גְרוֹים מָאגָאל , אִיהְרֶע שְׁטְרַאלֶען פון דִיזֶער טֶטֶע זִיטֶע (מִדָּה טוֹבָה) אִיךְ מֵיין דִיא נַאסְט פְרֵייהַייט אָדֶער גַאנְץ אַיינְפַאךְ גִיזָאגְט הַכְנָסַת אוֹרְחִים , דְרִינְגֶען אַיין אִין אַלֶע שְׁטֶעלֶען פון אוּנְזֶר תּוֹרָה , אִין אַלֶע שְׁטֶעלֶען פון דִיא סִפְרֵי קוֹדֶשׁ , אונ אַלֶע שְׁטֶעלֶען פון דִיא סִפְרֵי תַּלְמוּד (גְמָרָא) אונ פֶערְלִירִין זִיךְ בִּיז אִין דֶעם גְרוֹיסְטֶען (פֶערְצַייטִיגְסְטֶען) אַלְטֶערְטְהוּם אַלְטְקַייט , אַזוי טְרֶעפֶען מִיר אִיר אָן שׁוין בַּייא אוּנְזֶער פָאטֶער אַבְרָהָם , זֶעלְבְּסְט בַּייא לוֹט וָואס זַייא הָאבְּין אוֹיפְגִינוֹמֶען בַּייא זִיךְ דִיא מַלְאָכִים , זֶעלְבְּסְט אִיּוֹב וָואס וַואר נָאךְ מִיט אַצַייט פְרִיהֶער פַאר מַתַּן [illegible] אונ וַואר קֵיין יוּדֶע , הָאט זִיךְ אויךְ מִיט דִיזֶער זִיטֶע [illegible] וִויא עֶר זָאגְט אִין זַיינֶעם סֵפֶר (דלתי לאורח אפ[illegible] לא יָלִין גר) , דָאס הַייסְט מַיינֶע טִירִין וַוארֶען אִימֶ[illegible]פֶען פַאר יֶעדֶען רַייזֶענְדֶען אונ קַיין פְרֶעמְדְלִינְג הָאט גִינַאכְטֶעט (אִין סַיינֶער סְבִיבָה) דְרוֹיסֶען , אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים רֶעכֶענֶען אונ צֵיילֶען דִיזֶע שַׁיינֶע זִיטֶע אַזוי גָאר אוּנְטֶער דִיא יֶענֶע זַאכֶען וָואס מֶען גֶענִיסְט זַייעֶרֶע פְרִיכְטֶע אִין דִיזֶעם לֶעבִּין , אונ זַייעֶר קֶרֶן

בלייבט אין גאנצען פאר יענעם לעבין "הכנסת אורחים ובקור חולים" סדום אונ עמורה איז אונטער גינאנגען נור דארום דאס זייא האבין קיין פרעמדען ארעמאן אריין גילאזין אין זייער מיטען וויא דער פסוק זאגט אין יחזקאל (זאת היתה עון סדום גאון שבעת לחם ויד עני ואביון לא החזיקה) דיזעם וואר דיא זינדע פון סדום: זיא וואר שטאלץ אויף איר צו זאט ברויט האבין, אונ קיין ארעמאן אונ קיין נויטדירפטיגען געשטיצט. דיזע פרומע זיטע איז נאך צו הויזע זעלבסט בייא דיא ווילדע אראבער, זייא זאגין זייא האבין עס בירושה פון זייער גרויס פאטער אברהם. דען זייא שטאמען (קומען ארויס) פון דעם ישמעאל, עס איזט נאך דא שפורען (קלאר) פון איר זעלבסט בייא דיא רוסין וואס וואוינען אין טיף רוסלאנד זייערע טעכטער קומען אנטקעגין דיא פערשיקטען וואס ווערען טראנספארטירט דורך זייערע גובערנעם קיין זיבעריען מיט עסען אונ מיט טרינקען אונ זיינען מקיים דעם פסוק (בלחמו קדמו נודד) נון ווילט איר גראדע בייא אונז אידין וואס פון אונזר פאמיליע וואקסט גאר ארויס דיזע פרומע זיטע זאל עס איצונד גאנץ פערדרייגט ווערן פון אונזער מיטע.

"צוואר איזט עס אזוי" האב איך אים גיענטפערט "דאס דיא נאסט פרייהייט (הכנסת אורחים) איזט איינע העכסט נאטס גיפעלינע זאך, אונ איזט איינע גרויסע שטיצע פאר דיא מענטשליכע גיזעלענשאפט, איז דער איידעלסטע צווייג פון אלע מענשליכע טוגענדען, בייא אלעם דעם האב איך דאס רעכט צו זאגין, דאס זיא מאכט קיינע אויסנאהמע פון אלע אנדערע טוגענדען (מעשים טובים) געבאטע אונ פערבאטע (מצות עשה אונ לא תעשה), וואס זיינען אונטער וואָרפען אונטער צייט אונ ארט (דאס הייסט וואס מוזין זיך ענדערען אדער גאנץ אויף הערען צוא ליב דעם וואס האט זיך גיענדערט דיא צייט, אדער צו ליב דעם וואס מיר האבין





איינגיוואנדערט אין אנדערע ערטער אונ לענדער וואס קען דארט ניט אויס געפיהרט ווערט דיזע טוגענדען (מעשים טובים) אדער יענע געבאטע אונ פערבאטע) אזוי צום בייא שפיל האט אויפגיהערט שוין אין דיא צייטען פון בית שני דאס גיבאט צו מאכין ערי מקלט "וואס זאל אהין אנטלויפין אזוי איינער וואס האט ערמארדעט אמענשען בשוגג, ווייל עס האבין זיך דאן פערמערט דיא צאל פון רוצחים, אונ אזוי איז אויך דאס פערבאט (לא תעשה) פון לא תשובו ארץ מצרים (דאס הייסט מיר אידין טארען אונז ניט צוריק קעהרען קיין מצרים) אויך בטל גיווארין זעלבסט אין דיא צייטען פון בית שני, דען עס וואַרען דאן דארט אין אלכסנדריי של מצרים גרויסע אידעשע געמיינדען כפלים כיוצא מצרים, ווייל אידעשער קבוץ וואר שוין דאן ניט אין גאנצען גיוועזן אין ארץ ישראל, אונ א טייל פון זייא וואַרען מיט גוואלד פערשלעפט גיווארין אהין, אונ אזוי האט אויך אויפגיהערט בייא אונז דיא מצוה פון יבום נור אויס דעם גרונד ווייל עס האבין זיך גיענדערט דיא צייטען דאס הייסט ווייל מע האט איינגיזעהען אין דיזע צייטען דאס דער עולם איז שוין ניט אזוי פרום וויא אמאל אונ זיינען מיבם ניט לשם מצוה, אונ דאס גלייכען ווייל אין דיזע צייטען האט אויפגיהערט דער מנהג אדער גאנץ פערוועהרט צוא נעהמען צווייא ווייבער, דיזער פאל איז אויך מיט מאנכע גרויסע טוגענדען (מעשים טובים) וואס האבין גישפילט [illegible] גרויסע ראלע אמאל, אין אונזער רעליגי[illegible] [illegible] זיינען זייא גאנץ אויסגיוועבט, אונ [illegible] נור בייא זייער קליינגעגרדען נאמען נור. וויא צום בייא שפיל דיא טוגענד משמח חתן וכלה זיין, היינט איז גראדע פערקערט, חתן כלת זיינען פיל מעהר צו פרידענער דאס זעלבסט דיא גיבעטענע קרובים קומען ניט, מען וויל גאר קיין קלעזמער האבין, קיין בדחן האבין, קיין עולם האבין צוא איינער חאכצייט, דיא

breakdown in traditional
social patterns

נייע פערמעהלטע, (דאס הייסט דיא נייע פערהייראטהע) אנטלויפין באלד נאך דער חופה זאגראניצע וויא אנזעצער, וויא פאלש מינצער, אונ דאס איז נור דארום וייל אין אונזערע צוויליזירטע (אויסגעבילדעטע) צייטען, איזט מען שוין קיינע פריינדע פון רוישענדע אונ לארעמדע פריידען, מען געפינט זיך פיל פערגניגטער אונ געמיטהליכער אין א קליינעם פערטרויטען צירקעל (קרייז) פון פערטרויטע פריינדע, אלס אין איינעם געוויהל (טומיל) פון הונדערטע בעקאנטע וואס ווערען געלאדען נור פון יוצא וועגין, אונ נאך מעהר, האלטען מען שוין אין אונזערע נייע צייטען גאר אונ גאנץ ניט איינע האכצייט פאר אשמחה, אין דיזע צייטען הייסט איינע פרויא נעהמען, איינע בעז שראצנע שותפות שליסין מיט איינער צווייטען פערזאן, אונ אין אויסלאנד ווערט דער בייא גאנץ איינפאך איין קאנטראקט גישריבין וויא בייא איינעם געלט גישעפט, זעלבסט דיא אלטמאדעשע זעהען צו מאכען דיא האכצייטען גאנץ קורץ אונ גיך, מאכען אום איטעם ערב יום טוב פערנאכט, אדער פירין ארוים אונטערען שטאדט פאר עטליכע מייל אום אב צוברענגען זיך פון דיא אנגיבעטענע געסט, דען היינטיגע צייטען איז שוין ניט וואס אמאל גיוועזען, עס קאסט אליץ בלוט, אונ דיא גרעסטע משמח חתן וכלה זיין, איזט היינט ווען דער גיבעטענער קומט ניט.

ניט בעססער פאסירט עס (בעגייט זיך) דער טוגענד (וואוילטהאט): פון בקור חולים, דאס עס איז פון איר נור דער נאמען גיבליבין, אונ אויך נור וייל עס האט זיך דיא צייט גיענדערט, דאס עס זיינען נתרבה גיווארין דאקטוירים אונ פילע שפיטעלער, אפטייקען, דער רייכער ווערט גוט אויף גיפאסט צו הויז, דער ארעמער אין שפיטאל, אונ ברויכען אלזוי קיינע פרעמדע הילפע, פערקעהרט נאך מען לאזט קיין פרעמדין בעזוכער צו איינעם קראנקען, וייל עס שאדעט אים

דאס



דאס ליידען מיט איינעם צווייטין, דאס זעניגין זיך (שעמען זיך) פאר איינעם אנדערין ווינטשין צו לאזין, וואסער אב צו שלאגין, נויטדורפט פערריכטין, אונ דאס גלייכען אונ דארף זייא אים קיין ראט פרעגין, וויא דיזער פאל ווער פאר צייטען.

אם שלימסטען אבער קומט וועג (ליידעט) דיא טוגענד (מעשים טובים) פון דער גאסט פרייהייט (הכנסת אורחים), דען בייא יענע ערשטע צווייא דאס הייסט בייא דער מצוה פון משמח זיין חתן כלה, אונ בקור חולים, ווילין זייא דאך ביידע ניט (חתן כלה אונ דער חולה) קיין גיברויך מאכען פון דיזע ביידע וואלטהאטען, חתן כלה זיינען גערען דאס מען מאכט זייא ניט פרייליך, אונ דער חולה דאס מען בעזוכט אים ניט אדער וויינינגסטענס זיינע ארומיגע וואס זיינען ארום אים, ניט אזוי אבער איזט דער פאל בייא דער טוגענד פון הכנסת אורחים, דער ארעמער רייזענדער העטטע גערען גיוועזען צו א מאכען איין געברויך פון דיזער מצוה הכנסת אורחים עס זיינען שוין אבער ניט דא דיא אמאליגע פערצייטיגע; גאסט פריינדע מכניסי אורחים, אונ דיזעס איזט גישעהען ניט אוים חארט הערציגקייט, אדער אוים מאנגעל אן גאטעס פורכט, ניין בעהיטע גאט, מיר האבין היינט איינע פיל שענערע, אונ פיל הומאנערע (מענטשען פריינדליכערע) וועלט אלס אמאל, עס האט דיא גאסט פרייהייט אויף גיהערט. נור דורך דעם וואס עס זיינען גיווארין גאנץ אנדערע צייטען, וואס יעדער גראדער מענטש קען זיבעד אויסקומען אן איר, צייטען וואס ארט בעטלעריא איז העכסט פעראכטעט אין זייא, אונ אין מאנכע ערטער ווערט עס נאך גירעכענט פאר איין גרוישעם פערברעכען, וייל עס איז שוין אויסגימאכט (קלאר) דאס אין דיזע צייטען וואס דיא וועלט איז שוין אוים ציוויליזירט (דאס הייסט גוט געזיטעט) אויס געבילדעט, אונ גוט איינגיארדנעט

דאס

(דָאס הַייסְט גוּט אַיינְגִיפַּארַאנְדְזֶעט) דָאס יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט
לַייכְטֶע גִילֶעגֶענְהַייטֶען וֶוען עֶר נוּר נִיט פוּיל אִיזְט אוּנ דֶער
צוּ קַיין טְרוּנְקֶענְבַּאלְד (פִּיאַנִיצֶע אִיזְט) צוּ פֶּערְדִינֶען זַיין בְּרוֹיט
אִין עֶהְרֶען , אַלְזוֹי וֶוען עֶר עֶס נִיט פֶערְדִינְט, אִיזְט עֶר נוּר
אַיין טוֹיגֶענִיכְסְט (נֶעגָאדְיַא) וָואס ווִיל לֶעבִּין אוֹיף דֶעם
אַנְדֶערֶענְס רֶעכֶענוּנְג (נַאשְׁצָאט דְרוּגָאוָוא) אַזוֹי אַיינֶער פֶערְדִינְט
שׁוֹין קַיין מִיטְלַייד , עֶרְשְׁטֶענְס וַוייל וֶוען עֶר זֶעלְבְּסְט הָאט קַיין
מִיטְלַיידֶען מִיט זִיךְ זֶעלְבְּסְט , דַארְף עֶר עֶס נִיט פַארְלַאנְגֶען
פוּן דֶעם צְוַוייטִין , אוּנ צְוַוייטֶענְס אוּם עֶר זָאל נִיט זַיין אַיין
בַּייא שְׁפִּיל פַאר דֶעם צְוַוייטֶען , דֶען בֶּעטְלֶערַייא אִיז הֶעכְסְט
אַנְשְׁטֶעקֶענְד (זַארַאזְלִיוָוע) , דִיזֶען גְרוֹיסֶען פָארְשְׁרִיט (וָושְׁטֶענְג
אֶנְפַאנְג , אַיינְטְרִיט) הָאט דָאס אוֹיסְלַאנְד גִימַאכְט שׁוֹין מֶעהְר
אַלְס פוּפְצִיג יָאר , דָאס הֵייסְט צַייט דָאס דִיא דָארְטִיגֶע וֶועלְט
הָאט זִיךְ אוֹיס צִיוִוילִיזִירְט , דֶען פוּן יֶענֶער צַייט אָן הָאט
דָארְט אוֹיפְגִיהֶערְט דִיא בֶּעטְלֶערַייא , אוּנ נִיט בֶּעסֶער הַייבְּט
אָן צוּ נַיין מִיט דֶער בֶּעטְלֶערַייא אוֹיךְ בַּייא אוּנְז זִינְד דִיא
צִיוִוילִיזַאצְיֶע הָאט אָנְגִיהַייבִּין אַיין צוּ דְרִינְגֶען אִין אוּנְזֶער
רוּסְלַאנְד, זִיא (דִיא בֶּעטְלֶערַייא) הַייבְּט שׁוֹין אוֹיךְ אָן צוּ וֶוערֶען
אוּנְגֶעלִיטִין , אוּנ נָאט זַייא דַאנְק דָאס מִיר הָאבִּין שׁוֹין אִיז
אוּנְזֶערֶע שְׁטֶעט פִּיל וַוייניגֶער בֶּעטְלֶער אַלְס אַמָאל , אוּנ מִיט
וָואס אִיז הַכְּנָסַת אוֹרְחִים אַנְדֶערְס אַלְס אַיינֶע בֶּעטְלֶערַייא ? נוּר
פֶערְקְלַיידֶעט אוּנְטֶער אַיינֶעם אַנְדֶערֶען נָאמֶען , אוּנ מִיךְ
וואוּנְדֶערְט הֶעכְסְט אִיבֶּער אַייךְ הֶערְר פְרֵיידִיגֶער , דָאס זַייא
הָאבִּין מִיךְ גָאר צוּ בֵּיידֶע גִישְׁטֶעלְט (מִיךְ גִישְׁטְרָאפְט) וֶועגִין
דֶעם , וֶועהְרֶענְד (בִּשְׁעַת) אִין אַייעֶר טַייךְ לַאנְד , אִיזְט עֶס
שׁוֹין לַאנְג אוֹיס נִיקַאסִירְט גִיוָואַרִין , וִויא אִיךְ זֶעלְבְּסְט עֶס
גִיזֶעהֶען דָארְט , דָאס נִיט אַיין אָרֶעמֶער דוּרְךְ רַייזֶענְדֶער וֶוערְט
אִידְזֶענְד וואוּ אַיינְגִילַאדֶען צוּ אַיינֶעם מִיטָאג עֶסֶען , אוּנ דָאס
קַיין אָרֶעמֶער נֵייט אִיבֶּער דִיא הַייזֶער דָארְט בֶּעטְלֶען .

ניין



זיין מיין בֶּעסְטֶער פְרַיינְד״ הָאט זִיךְ דֶער פְרֵיידִיגֶער אָפּ
גערופין צוּ מִיר״ ״אִיר מַאכְט אַיין אוּנְגְלַייכֶען פֶערְגְלַייךְ אַייעֶר
האָלאַנְד צוּ אוּנְזֶער טַייךְ לַאנְד , עֶרְשְׁטֶענְס וַוייל מִיר הָאבִּין
ניט בַּייא אוּנְז אִין טַייצְלַאנְד אַזֶעלְכֶע בְּרוֹיט לָאזֶע (חִכְרֵי לֶחֶם)
אַלְס אִין אַייעֶרֶע שְׁטֶעדְט , דֶען יֶעדֶער פוּן אוּנְז גֶענִיסְט אַיינֶע
בֶּעסֶערֶע עֶרְצִיהוּנְג אִין זַיינֶער קִינְדְהַייט אַלְס בַּייא אַייךְ ,
יֶעדֶער פוּן אוּנְז וֶוערְט שׁוֹין פוּן זַיינֶער צַארְטֶעסְטֶען יוּגֶענְד
אוֹיף , אוֹיפְגִיוִויזִין עֶנְטְפֶער אוֹיף אַיין גִישֶׁעפְט אָדֶער אוֹיף
אַיינֶער הַאנְדְוֶוערְק , אוּנ צְוַוייטֶענְס וֶוערֶען דָאךְ מַאנְכֶע אָרֶעמֶע
וְוירְךְ רַייזֶענְדֶע גֶעשְׁטִיצְט פוּן צְדָקָה גְדוֹלָה נָאטֶע בֶּענֶע (גוּט
גִימַארְקְט) בַּייא אוּנְזֶערֶע אִידֶעשֶׁע גֶעמֵיינְדֶען וָואס דִיא וַוארְהַייט
צוּ זָאגִין זַיינֶען עֶס נוּר אַייעֶרֶע פוֹילִישֶׁע יוּדִין , אוֹיךְ הָאבִּין
מִיר אַיין אָרֶעמֶען הוֹיז (אַיינֶע בָּאגֶעדֶעלְנֶע) .

״עֶס אִיזְט וַואר דָאס אִיר הָאט נִיט אִין אַייעֶרֶע לֶענְדֶער
אַזֶעלְכֶע אָרֶעמֶע לַייט אוּנ אַזוֹי פִּיל וִויא מִיר הָאבִּין וַוייל
אַייעֶרֶע קִינְדֶער הָאבִּין אַבֶּעסֶערֶע עֶרְצִיהוּנְג , נִיט פֶערְגֶעסְט
אָבֶּער דָאס דִיזֶע עֶרְצִיהוּנְג הָאט נוּר צוּא פֶערְדַאנְקֶען דִיא
צִיוִוילִיזַאצְיֶע (דִיא גֶעזִיטוּנְג) וָואס פֶערְדַאמְט (פֶערְמִשְׁפָּט)
דֶעם בֶּעטֶעלְשְׁטַאנְד , דָאס הַייסְט וַוייל מֶען הָאט פַאר וֶוערְט
צוּ בֶּעטְלֶען הָאט מֶען אָנְגִיהַייבִּין צוּ לֶערְנֶען דִיא קִינְדֶער פוּן
זֵייעֶר צַארְטֶעסְטֶע יוּגֶענְד אָן מְלָאכוֹת , אוּנ אַוֶועק צוּא
גֶעבִּין אִין גִישֶׁעפְטִין , אוּנ דִיזֶער פַאל אִיז שׁוֹין בַּייא אוּנְז
אוֹיךְ , וַוייל מֶען קֶען שׁוֹין נִיט לַיידֶען קַיין בֶּעטְלֶער , הָאבִּין
מִיר זַייא שׁוֹין פוּן יָאר צוּא יָאר וֶוינְצִיגֶער , דֶען מִיט אַיאַר
צְוַואנְצִיג צוּרִיק גֶוַאר יֶעדֶער בַּאלֶעבַּאטֶעשֶׁער טִישׁ בֶּעזֶעצְט
מִיט אָרֶעמֶע בֶּעטְלֶער פוּן פֶערְשַׁיידֶענֶע טִיטוּלֶען , אָרֶעמֶער
לַמְדָן , אָרֶעם בָּחוּר , פָּרוּשׁ , אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיד , אַבַּעַל דַרְשָׁער ,
אַיין אָרֶעמֶער קָרוֹב , אַפְּלֶעט אוֹיף שַׁבָּת , אַזִינְגֶערִיל , אַיין
אוּנְטֶער שַׁמָשֶׁעל , אַיינֶע עֲגוּנָה , אַפַּאלְשֶׁער גִשְׂרָף , גְלַאט אָרוֹם

טרייבער

טרייבער , אנגלנול , אַיין נדבות קלייבער פאר אשולכעל בויען
אין אקליין שטעטעל , יעדער ישובניק פלעגט ווערען אלע
טאג בעפאלען מיט צוואנציג דרייסיג שנארער , דאס דורך
דעם דורך שניט ווארען דאן נור צעהען פראצענט פון אונזערע
אידין וואס זיינען גיזעסען ביי אייגענע : טישען , ניינציג
פראצענט ביי פרעמדע טישען , אונ גראדע דארום ווייל עס
וואר דאן אגרויסער זול אין אונזער לאנד , דאס עסען האט
קיין בעטרעף גיהאט , מען האט זייער לייכט גיגעבין , אונ
אן פרעסער האט דאן ניט גיפעלט , דען וואס שמעקט נאך
בעסער אלס אומזיסטער ברויט , אונ דער צו ווארען זייא ניט
גישטערט פון דער פאליצייא , זייא ווארען קיין מאהל אן
גיהאלטען ווענין פעסער , ווענין רעקרוטין , אונ זייא אליין
ווארען שוין אזוי ווייט אין דעם בעטיל ברויט אריין גיצויגין ,
דאס עס וואר זייא איין אויסגיבעטילטער גראשין פיל ליבער
אונ טייערער אלס צעהען פערדינטע אונ ווארען גלייכגילטיג
(ראוונאדושנא) נעגין קעלט , נעגין היץ , אויך זייער אפט נעגין
הונגער , פלעגין זיך אום צו שלעפין פון איין ישובניק צו דעם
אנדערען ישובניק גאנצע הארדע (שטאדעס) מיט ווייבער אונ
מיט קינדער , אבגירסין אבגישליסין , העכסט שמוציג , אונ
ווארען דען העכסט דעמאראליזירט (אן מאראל) , אן בושה , אן
אנעוויסין , אן ארעליגיאן , דען זייא האבין גיטאן אלעס
וואס פערבאטין*) אונ זיינען אלזוי גיוועזען איינע העכסט
פערדארבענע קלאסע מענשען , נון נאם זייא דאנק , דאס זינד
עס

*) עס וואר אין אונזר גענענד אגעוויסער גאסט פריינד (מכניס אורח) וואס האט גיהייסען ״ר׳ חיים באקסטער״ וואס פלעגען צו זיין צו זיינעם טיש אלע טאג זייערע צעהען מניינים אונ אום שבת צוואנציג מניינים , האט זיך איבער זייא בעקלאגט , דאס נאך האט זיך אים גיטראפען דאס אשנארער זאל אים גיענטפערט האבין



עס האט איינגידרונגען די ציוויליזאציאן (גיזיטונג) אונ ארדענונג
אין אונזערע לענדער וואס זיא איזט דער גרעסטער פיינד פון
דער בעטלערייא , ווערען זייא (דיא בעטלער) וויינינער פון
טאג צו טאג , אונ דיא ווינציגע וואס מיר האבין נאך אין
אונז זיינען עס נור פון דיא קליינע קאלטיזנע שטעטלעך וואס
נאך קיין שטראהל פון דער ציוויליזאציאן (געזיטונג) האט
נאך אהין ניט איינגעדרונגען , אבער ניט פון אונזערע גרויסע
שטעט וואס דיא קינדער ווערין שוין פיל בעסער ערצויגין ,
אונ איך קען ווייניגסטענס פאר מיין פאטער שטאט (ווילנא)
קאווירען דאס ניט איינע פון אירע איינוואוינער גייען בעטלען ,
ניט אין שטאט אונ ניט איבער דער וועלט . אונ ווען איין
שנארער וועט וועמען זאגין דאס ער איז איין ווילנער , מעג
מען אים שפייען אינם געזיכט , ער האט פילייכט גיבעטעלט
אין ווילנא , אבער קיין ווילנער , דען צייט איאר צוואנציג
ווערין אונזערע ווילנער קינדער שוין גאנץ אנדערס ערצויגען ,
דען אן שטאט דעם וואס מיט עטליכע אונ צוואנציג יאר פלעגין
זיך דיא רייכע מיידלעך שפילין אין לאלקעס , בעזוכען זייא
פאנסיאנען , אונ אנשטאדט דעם וואס דיא מיידלעך פון
גימיינע בעלי בתים פלעגין שפילין אין צייכען , זיינען זייא
היינט ביי בלומען מאכערקעס , ביי היט מאכערקעס , ביי
נייטערקעס , ביי זעססער , אין ציגארין פאבריקין , אונ
דאס גלייכען , אונ אן שטאדט דעם וואס דיא ארעמע מיידלעך
פלעגין גיין איבער דיא הייזער , ליגין אין דיא גאסען אונ
שרייען אום ברויט זיינען זייא דינסטען אונ נעהמען איין
נטעס לוין געלד , אונ דאס זעלבע איז מיט אונזערע אינגלעך
יעדער בעזונדער איזט זיינעם גראד נאך אויפגיוויזין פון זיי
קינדהייט

האבין אויף דיא פראגע צו האט ער גידאבענט שוין מנחה ״ביין״ אונ אויף דיא פראגע צו איזט ער פלייסיג ״יוא״ .

קינדהייט אן , ענטפער אויף איין שטודיום , אדער אויף איין גישעפט , אדער אויף איין האנדוואַרק*), פילע פון אונזער נייע פאקאלעניע , גענערען זייערע עלטערען, פערהייראטהען זייער שוועסטער , דען זייא זיינען געווארין אדוואקאטען , דאקטורים , קינסטלער , בוכהאלטער גרויסע געשעפטס לייטע , אלזוי קיין איינציגער בעטלער פון אונזערע ווילנער , מיר ליידין נור פון דיא קלענערע שטעט וואס קינדלען אויף ווילנער רעבענונג , דען מיר ווערין בעשעפטען מיט זייערע קינדער , מיט זייערע יונגע לייט אונ דאס גלייכען אלטע לייט וואס

שנארען

*) דא נים לאנג אלס איך בין גינאנגען אונטערן שטאט גישעפטס האלבער , אונ האב איינגעקערט דארט אין איינעם גיוויסין ויאקסאל (האללע) וואס מיינער אבעקאנטער האט עס געבוים אום צו מאכען דארט אידעשע האכצייטען, אונ האב דארט פערבראכט אציגאר . אונ זיך איין עטוואס אוים גערוט (עס וואר שוין דאן נאכט) האב איך דער וויסט צו מיינער פריידע , דאס אבתור פון איאר פינף אונ צוואנציג , האט דארט חתונה מיט אמיידכען פון איאר צוויא אונ צוואנציג , ער איז איין פריוואט לעהרער וואס פערדינט זיך דרייסיג רוביל אמאנאט , אונ זיא איז איינע פוץ מאכערין וואס פערדינט זיך פערציג רוביל אמאנאט, זייא האבין זיך פערליבט , האבין באלד דארויף איינע שיינע וואוינונג גידונגען, אשיינע ווירטשאפט איינגישאפט , אונ איצונד האבין זייא גימאכט איינע שיינע האכצייט אונ האבין איינגילאדען זייערע עלטערען דער צו , אונ מאנכע גוטע פריינד זייא האבין מיך מכבד גיוועזן מיט מסדר קדושין , אונ האב עס אנגענומען מיט פריידען , אונ האב גילויבט אונ געפריזען דעם בעשעפער דאס איך האב זוכה גיוועזן צו זיין אויף אזוי א האכציים ביי אונזער נאציאן , איך האב עס גיזאגט זייערע עלטערען אונ זייא האבין גיוויינט פאר פריידען .

Dik's personal fame in Vilna



גווארען אין אונזערע גאסען וויא דיא שפינוועבע דאס עס איזט זיך ניט אפ צו ווערען פון זייא .

„נון ליבער פריינד" האט זיך דר פריידינגער אפ גירופין צו מיר נאך אייערע רייד וואס איר בעהויפטעט (מאכט פערגעניים) דאס דיא ציווילאזאציאן איז גראדע נגד דיא מדה פון צדקה אונ דהכנסת אורחים וואס איר רופט עס מיט דעם נאמען געמעלעריא, הייסט עס דאך גיזאגט גאנץ איינפאך , דאס אונזער תורה הקדושה שטייט אין איינער גרויסין אפאזיציאן (התנגדות, אדער ווידער שפרוך) מיט דער ציוויליזאציאן (נעזיטונג) אונ דיזעס איזט דאך גראדע פערקערט , דען אלע איהרע גיזעצע זיינען גיגרינדעט נור אויף חכמה אונ מאראל וויא משה רבינו זעלבסט זאגט אין דער תורה (כי היא חכמתכם ובינתכם לעיני העמים) דאס הייסט דורך איהרע גיזעצע ווערען מיר גירעכענט פאר גרוישע חכמים זעלבסט ביי אלע אנדערע פעלקער , אונ אונזער גאנצע תורה איז דאך פול גאר מיט דער מדה פון צדקה פון רחמנות , אונ פון גמילות חסדים , נון פערשטייא איך ניט דאס איר זאגט דאס דיזע אלע זייען נגד דער ציוויליזאציע , איך פערשטייא אייך ניט .

„עס איזט וואהר" האב איך אים גיענטפערט „דאס זייא פערשטייען מיך ניט , דען בעהיטע גאט דאס איך מיין דאס דיא ציוויליזאציע איז אנגד געגען אלע דיזע מדות טובות , וואס זיינען איינשטימיג איבער זייא קאפ אונ הערץ אונ דאס געפיהל), דען מיר גיפינען דאך דאס זעלבע ציווילזירטעם לענדער איזט דא שפיטעלער פאר ארעמע קראנקע ארעמען הייזער (באנעאודעלנע) פאר ארעמע אלטע , פאר קריפלען , ווייזענהייזער (הייזער פאר יתומים) פריוטען , עס ווערט גימאכט גרויסע קאלעקטען (נדבות גיקליבין) , איך מיין נור דאס דיא ציוויליזאציא , איזט אנגד נור געגען דעם בעטעל שטאנד , דאס הייסט זיא צערפעט ניט דאס מענשען

נעזונדע

געזונדע זאלין זיך אוועקלאזין נור אויף צו בעטלען , אונ זאלין זייערע קינדער ניט אנהאלטען אין זייער יוגענד צו אחכמה, צו אמלאכה, מיט וואס זייא זאלין זיך קענען ערנעהרען , אונ בלייבין פון זייערע עלטערען אויפגעוויזין נור אויף הוילע בעטלערייא אונ פערקריכין זיך אונטער דעם ברייטען פארטוך פון דער רעליגיאן וואס פריידיגט זייער פיל פון דער מדה פון צדקה אונ פון הכנסת אורחים , וואס ניט זייא האט זיא גאר ניט גימיינט, נור דער פאר אומגליקטען , נון דיזע ביעגלע שלעפט דיא ציוויליזאציאן ארויס פון דארט מיט איהרע אייזערנע הענד , אונ אין דעם שטימט אונזער תורה אויך איין , אונ אונזערע חכמי התלמוד , אונ ווען עס זאל שוין זיין גיזאגט , וויא איר ווילט מיינען , דאס עס איז רעכט רחמנות צו האבין מיט יעדען שנארער , אונ צו זיין גאסט פריינדליך נעגען יעדען וואס בעט נור איין אריינלאס (אריין אין שטוב), לאזט זיך נאך דר בייא אויך זייער פיל איינווענדען , אונ אויף צוא ווייזין דאס דיא ציוויליזאציאן בעגייט זיך ניט אין דעם נגד אונזער דת , אויס צווייא גרינדען (טעמים), איינע איזט איין נאטירליכער גרונד , אונ דער צווייטער איז איין מאראלישער גרונד , דער ערשטער דאס הייסט דער פיזישער אדער נאטירליכער גרונד בעשטייט אין דעם דאס אלע נאטירליכע געזעצע (חקי הטבע) וואס דער בורא האט זייא מיסד גיוועזן צו פיהרין מיט זייא דיא וועלט סייא מאטריאלישע (קערפערליכע) סייא גייסטיגע (רוחניות) זיינען אלע במדה ובמשקל , דאס הייסט העכסט אקאנאמיש דאס הייסט ניט מעהר אונ ניט ווייניגער וויא פיל מען ברויכט צו האבין , אזוי למשל האט קיין פיש קיין ברעם צוא זיינע אויגין ווייל ער דארף קיין מאל שלאפען , אונ דארף ניט ווישען דער מיט דיא אויגין וויא מיר מענטשען טוען עם מיט דעם פינטלען מיט דיא ברעמען אום צו ריינינען דיא אויגין

פון



פון שטויב ווייל דיא אויגין פון פיש ריינינען זיך דורך דאס וואסער , אונ אזוי זיינען אין דער בריאה צוא גיציילט אלע אברעלעך , האאר , פעדערען , שופען פון יעדער בעשעפענעס מיט איינער גינויען רעכענונג , אזועלכע בעמערקונגען אין גאטעס בריאה , קען יעדער מענטש מאכען ווער נור פערשטייט צו לעזען דיזען געטליכען בוך (דיא בריאה אדער דיא נאטור), איין בוך וואס גישריבין איזט מיט גאטעס פינגער , אונ וואס ניט דיא צייט אונ קיינע מענטשליכע האנד זיינען ניט אים שטאנדע איין בוכשטאב אויס צו מעקען פון אים , ער וועט מערקען אונ זעהען וויא עס הערשט אין אלע דרייא רייכע (צארסטווא) אדער קלאסען פון דער נאטור , שטיין רייך , פלאנצען רייך , טיהר רייך , (דומם, צומח , חי)" דיא גרעסטע אקאנאמיא , אונ וויא אין דיא מאטעריאלישע וועלט (עולם הגשמי) אזוי איז צו מערקען דיא זעלבע אקאנאמיע אין דער גייסטיגע וועלט (עולם הרוחני) , דאס דער בורא ברוך הוא האט אויס גיטיילט צו יעדער בריאה פערשטאנד אונ גיפיהל וויא פיל נייטיג ער האט צו זיינער ערהאלטונג אויף דער וועלט , ניט מעהר אונ ניט ווייניגער , דאס הייסט יעדעם נאך דעם ארט אונ צייט אין וועלכע ער וואוינט אונ לעבט .

אזוי למשל האט גאט ברוך הוא גיגעבין דיא מדה פון רחמנות דיא הון צו איהרע קינדער דאס זיא זאל אויף זייא אכטונג געבין אונ שארען פאר זייא אין מישט , נור ביז זייא ברויכען איהרע הילפע , ווערען זייא אבער שוין אזוי גרויס אונ אויסגעוואקסען, דאס זייא קענען שוין אויס קומע[ן] זא נעמט שוין דער בורא צו דעם רחמנות פון דע[ר] איבער דיא קינדער , פיקט זייא אין מוח אונ טרייבט זייא אפ פון זיך אונ ווערט גאר אויס חבר מיט זייא , גלייך וויא איינע

פרעמדע

פרעמדע*) אונ אזוי איזט צו בעמערקען דאס וועלפינע ביא אלע אנדערע בעשעפענעס אונ אזוי מאכען מיר מענטשען אויך קיין אויסנאהמע אין דיזעם הינזיכט (ענין), דער בורא ברוך הוא טיילט אונז אויך צו שכל, גיפיהלע, גבורה אלין נור וויא נייטיג מיר דארפען עם האבין צוא אונזער געברויך מיר האבין מעהר רחמנות אויף אונזערע קליינע קינדער אלין אויף אונזערע ערוואקסענע וייל יענע ברויכין מעהר אונזערע הילפע, דארט אין אזיא אפריקא וואס דיא פעלקער זיינען נים ציוויליזירט, אונ עס איז נאך קיינע ארדענונג דארט אין דיא לענדער, אונ דיא שטראזין ציהען זיך דורך גרויסע מדבריות געווילד, זעמד, דורך שטיינינע פעלדער, איבער הויכע בערג אונ טיפע שלוכטען (רויעס), איבער רייסענדע שטרעמע וואס עס איז איבער זייא קיין בריקי קיין פראם, דאס מען מוז זייא אריבער שווימען אדער נאר אריבער בראדזען מיט גרוים גיפאהר, דער צו נאך ווערט מען דארט ביא טאג פערברענט פון דיא היץ אונ ביא נאכט ווערט מען פערפראהרין פאר קעלט**), נאך מעהר פאר אלין דער רייזענדער איז דארטין אין גיפאהר אום צו קומען פון דורשט, פון הונגער, צו ריסען



*) מדרש רבה סדר קדושים פכ"ה, הדא תרנגולתא כד אפרוחיה דקיקין (קטנים) היא מכנשא להון (מקבצת אותן) ויהבת להון (מכניסה אותם) תחות אגפיא (כנפיה) ומשחנה להון (מחממת אותם) ומעדרנה (חופרת) קדמיהון. וכד אינון רבייא (וכשהם נעשים גדולים) חד מנהון בעי למקרב ילותה והיא נקרה לו רישיה (נוקבת לו ראשו) ואומרת לו זיל (לך) עדור (חפור) בקלקולך (באשפתך).

**) אום עס זאל דיר מיינע לעזערין קיין וואונדער זיין וויא איז עס מעגליך דאס ביא טאג זאל זיין היים אונ ביא נאכט העכסט קאלט זאלסט דוא מערקען וואס יעקב אבינו זאגט "הייתי ביום אכלני חורב וקרח בלילה".



ווערין פון ווילדע טהירען, אויס גערויבט ווערין פון דיא ווילדע אראבער, דען דארטין איזט קיין קרעטשמע, קיין דארף דא אויף דיא וועגען, אלזוי האט דער בורא ברוך הוא וואס וויל האבין דאס דארט זאל דער רייזענדער אויך נים אונטער גיין, האט ער איינגיפלאנצט דארט אין דיא הערצער פון דיא דארטיגע איינוואוינער דיא מדה פון דער גאסט פריינדשאפט (הכנסת אורחים) אין דער גרעסטען גראד, דאס יעדער רייזענדער גאר אן אונטער שייד דער רעליגיאן צו יודע צוא קריסט, צו מאהמודאנער, צו ארעם צוא רייך, צו איינער צו צעהען מיט אמאל ווערין העכסט פריינדליך אויפגינומען וועלכסט פון דעם ארעמסטען ווירט, מיט ליבע אונ מיט עהרע אין יעדען דארף אונ אין יעדען גיצעלט, וועלכסט ביא דעם בעדואין (ווילדער אראבער) וואס לעבט נור פון רויב, ער האלט זייא גאסט ביא זיך וויא לאנג ער וויל נור ביא אים פערבלייבין, אונ אלס ער נעמט שוין אבשייד פון אים בעגלייטעט ער אים איינע גרויסע שטרעקע, אונ דאהער וואר ביא אונזערע חכמים אזו גרוים דיא מצוה פון לויה פון אורחים וויל דיא רייזענדע זיינען דארט העכסט אונזיכער אויף זייערע וואנדערונגען אונ זיינען אויסגיזעצט צוא אלע גיפאהרען (סכנות).

ניט אזוי אבער איזט דיזער פאל אין אונזער ציוויליזירטין איראפא, ביא אונזערע געזיטעטע פעלקער, וואס אונזערע שטראזען ציהען זיך דורך בעזעצטע ערטער, זייא זיינען שנור גראדע גיפאהנט (גיפלענטעוועט), דיא שטראסען וואסער בעקליידעט מיט בריקען, דיא זומפען פערטאסעוועט פון ביידע זייטען וועג אוים גיזעצט מיט ביימער אום דער רייזענדער זאל זיך ניט פעראירען ביא ווינטער אלס דער וועג איזט מיט שנייא פארוויהעט, אונ צו נאך איזט אלע צווייא ווייארסט דא אקרעצמע מיט אלער

האנד וויגארעס, דאס עס איזט אלעס צו בעקומען פאר דעם ליבען גראסין, אונ זייער אפט נאך פיל ביליגער אלס צו הויז, אלע צוויא דרייא מייל איז נאך דא אפאצט, אונ מען איזט זיכער פון רויבער פון ווילדע טהירען, אונ בפרט נאך אויף דיא שאסייען אונ ווער רעט שוין פון דיא אייזענבאהנען, וואס דער וואס פארט אויף זייא קען שוין גאר ניט אנגירופין ווערין מיט דעם נאמן אורח, דאס ער זאל גימיינט זיין אונטער די מצוה פון הכנסת אורחים, דען אזוי איינער איז מעהר איין שפאצירענדער אלס איין רייזענדער, ניין נאך ווייניגער אלס איין שפאצירענדער, ער איז נור איין איבער שפרייזענדער פון איין הויף אין דעם אנדערין, דען וויא פיל דויערט הייגט אריבער צו פארין פון איין שטאט אין דער אנדערער שטאט, פיל ווייניגער אלס איבער צו גיין איין ווילנער אדר ווארשעווער גאס. אלזוי אויף דער רייזע זייענד איז מען שוין אין אונזערע לענדער אונ אין אונזערע צייטען שוין מעהר קיין אורח וואס זאל דארפין איין געברויך מאכען פון דער פרומע זיטע דער נאסט פרייהייט (הכנסת אורחים), אונ פשיטא שוין ניט קומענדיג שוין אין אפרעמדע שטאט, דען איינעם פון דעם ביידען, איזט אזוי איינער בעמיטעלט (האט אויף דער הוצאה) בעקומט ער אין שטאט פאר דעם נוטין גראשין קוואטיר אונ טיש גאר אן מיה, דאס ער קען גאנץ גיוויס אוים קומען ניט ארויף ווארפינדיג זיך אויף איינעם אנדערין, איז ער ארעם אלזוי גיהערט ער צו דער קלאסע דער שנארער, אונ פאר זייא איז דאך שוין גיזארגט אין יעדער שטאט, אין דיא קליינע שטעט איז דא איין גיזונטער הקדש, אין דיא גרויסע שטעט איין הכנסת אורחים.

נון ווייטער צו אונזער זאכע, ווען איין מאל אויסגימאכט איז דאס דיא רייזענדע פון אונזערע אראפייאשע לענדער זיינען שוין נים אזוי הילפלאז (אהנע הילפע) וויא אין יענע

מארגין



מארגין לענדער אזיען, אפריקא, וואס אין זייא גיפינט זיך אויך אונזער לאנד ארץ ישראל, וואס דער גרעסטער טהייל מצות אונ מדות טובות פון אונזער תורה זיינען צו גימאסטען אונ אנגיבונדין נור אן איהרע בעשאפענהייטען (טבעיות) וואס מיר רופין עס מיט דעם נאמען "מצות התלויות בארץ" האט שוין דא דער בורא ברוך הוא צו גינומען דאס מיטליידען אונ דעם צארטען געפיהל וואס ער האט איינגיפלאנצט אין דיא הערצער פון דיא מארגענלענדער, ווייל דער בורא ברוך הוא איזט וויא מיר האבין שוין פריהער גיזאגט העכסט אקאנאמיש מיט זיינע רוחניות וויא מיט זיינע גשמיות, אלזוי תהער פריידיגער נאך דיזע בעמערקונג אונזערע וואס מיר האבין דא גימאכט שטייט שוין דיא ציוויליזאציאן אונ בילדונג אין קיין ווידער שפרוך מיט אונזער תורה הקדושה אין דעם בעטרעף פון הכנסת אורחים אונ צדקה געבין, ווייל נאך אונזערע רייד איז שוין ציוויליזאציע אונ בילדונג דאס זעלבע וואס עשירות, אונ נאך מעהר אלס עשירות, אלזוי האט פאר גיוויס דיא תורה, וואס הייסט אונז געבין צדקה אונ צו זיין גאסטפריינדליך, והאט ויא גימיינט נור צו טאן עס מיט אזעלכע מענטשען וואס זיינען ארעם (דאס הייסט אן אגראשין געלט) אדער אונגעהאלפין [illegible] דאס הייסט אונציוויליזירט, אדער אם ווייניגסטען וואס [illegible] אין אונציוויליזירטע לענדער וויא דאס מארגען לאנד [illegible] ארט גיפינט זיך אויך ארץ ישראל.

אלזוי מיינע פריינדע זיינען מיר שוין צוא ענדע מיט דעם [illegible]טירליכען גרונד (אורזאך) ווארום דיא ציוויליזאציע איזט אנגעגען דיא בעטלעריא אונ געגען דאס גאסטפריינדשאפט, דאס הייסט ווייל עס ליגט שוין אזוי איין מאל אין דער אקאנאמיע פון [illegible] געטליכע נאטור דאס וואו עס איז דא ציוויליזאציע הערט שוין אויף אונ עס פערשווינדט אין גאנצען דיא אונבערעכענטע [illegible]ערמהערציקייט, אונ דיא אונאיבערלייגטע מיטליידע,

וואו עס

1. COST OF LIVING IN CIVILIZED COUNTRIES IS HIGHER
∴ IMPOSSIBLE TO SUPPORT BEGGARS

2. THERE'S ENOUGH WORK FOR EVERYONE

3. WHAT WITH ECONOMIC POLARIZATION, THE WELL-OFF CAN'T STAND THE SIGHT OF THE POOR.

עס ווערט געטאן צדקה נור מיט דיא יעניגען וואס זייגען
ווירקליך אונבעהאלפען, אונד ווידער וואס זיינען זעלבסט
אליין ניט שולדיג אין זייער אונבעהאלפענהייט, למשל קריפלען
(קייליקעס) אדער שוואכע אלטע לייט וואס האבין גיפיהרט איין
ארענטליכעס לעבען, אדער יתומים וואס עס זיינען שוין פאר
זייא איינגעריכטעט אין אלע ציוויליזירטע לענדער האספיטאלען,
ארעמע הייזער פריוטען אונד דאס גלייבען, נון וועלען מיר איצונד
ארום ריידען איין עטוואס פון דער צווייטע מאראלישע אורזאך
(דאס הייסט אויס קלוגהייט) פון דעם וואס דיא ציוויליזאציאן
ליידעט. ניט קיינע ארמוהט, קיינע בעטלעריא, קיינע גאסט
פרייהייט. ערשטענס, ווייל וואו דאס לאנד איזט שוין ציוויליזירט
(געזיטעט) איזט שוין דאס לעבען פיל פערפיינערט אונד פיל קאסט
שפיליגער אלס אין דיא ערטער וואו מען איז נאך ניט ציוויליזירט
מען גייט שוין שענער גיקליידעט, מען וואוינט שענער אונד ריינער,
...עןעסט בעסער, עס ווערען דינסטען אונד בעדינטע בעסער
...לוינט, אונד אלזוי אלע לעבענס בעדירפענעס ווערען אלץ
...טייערט, אלזוי איז שוין קיין וואונדער דאס איין בעטלער,
שנארער איין דארמעיעד פאלט שוין צו לאסט, דען עס
...ין שווער צו דער האלטען דאס לעבין פון דער אייגענע
...ע. צווייטענס, וואו דיא וועלט איזט שוין איין מאל
ציוויליזירט, איז שוין דא גינוג ארבייט אונד געשעפטיקייט פאר
אלע כלאסען מענשען, נון איז שוין לייכט צו האבין פערדרום
אויף יעדען לידיג גייער וואס וויל זיך גינערען נור פון בעטעל
ברויט. דריטענס איזט שוין דעם פערפיינערטען מענשען אונד
דעם געזיטעטען גאר ניט צוא פערדיינקען דאס ער וויל ניט
אויפנעהמען צו זיך אין זיין שטוב, אונד פשיטא שוין ניט צוא
זיינעם טיש איינעם ווילדען ניט היגין ארעמען אורח, אדער
ארעמען למדן, ארעם בחור, וואס האט קיין בענעהמען אונד איזט
העכסט שמוציג, וועלבסט דיא דינסטען ליידען ניט אזוי איינעם
אין



אין זייער ווירטשאפט ווייל ער בעשמוצט מיט זיינע אונריינע
שטיוועל אונד מיט טראקען שפייען אונד הוסטען דיא פאדלאגע וואס
זייא האלטען עס ריין אונד זויבער, עס איז אזוי גאר פיינליך צו
עסען צו זאמען אין איינער קרעצמע מיט איינעם אונגעצויגענעם
מענטשען, אונד אונזער תורה זאגט (וחי אחיך עמך) דיין ברודער
זאל מיט דיר לעבין, דאס הייסט מען זאל דעם צווייטען גענערען,
אבער דאך הייסט עס מיט דיר, איז דאך גימיינט דאס דער
נאסטפריינר זאל דער בייא אויך לעבען, זיצט מען אבער מיט
איינעם דיקאר בייא דעם טיש הייסט עס ניט גילעבט.

אונד אזוי ווערט ניט דיא ארמוהט גיליטען אין יעדער
ציוויליזירטע מדינה אוים נאך פיל אנדערע אונד וויכטיגע גרינדע
(אורזאכען) ערסטענס ווערט דארט יעדער שנארער, בעטלער,
לידיג גייער בעטראכטעט אלס איין שעדליכער מענטש, דאס
הייסט פאר איינעם פערדארבענעם וואס וויל לעבין נור אויף
דעם אנדערענס רעכענונג. אונד איזט אלזוי איין פוילענצער
(פוילער) אונד פוילקייט "זאגט דער אלטער שפריכווארט" איז דיא
מוטער פון אלען פערברעכען (זינדע), איזט מען פויל האט מען
ניט צום טיל, איזט מען הונגעריג איזט מען שוין שפאסאבנע
צו טאן אלע פערברעכען אין דער וועלט, פון הונגער האבין
מוטערס זייערע אייגענע קינדער גיגעסען, אונד פשיטא שוין דאס
מען קען ווערען זייער לייכט אדיב, אבעטריגער, אפאלשע
שבועהניק וויא דער פסוק זאגט (פן אורש וגנבתי ותפשתי שם
אלהי) אונד ווען איך וועל ארעם זיין, וועל איך שטוילען, אונד
וועל נאך דער צו פאלש שווערען, אלזוי ווערט שוין אין אלע
ציוויליזירטע שטאאטען (לענדער) וואס עס איזט לייכט דארטן
יעדען מענטשען צו פערדינען זיין ברויט דורך ארבייט, אדער
דורך אמלאכה, אונד בפרט גאר צו ערציהען זיין קינד צום נוצען
דער וועלט, ווערט יעדער שנארער בעטלער, אונד אזוי יעדער
וואס העלפט זיך אוים מיט פרעמדע טישען גיהאלטען, פאר איין
מענשען

WHAT A SHORT-SIGHTED ECONOMIC PROGRAM!

BEGGARY WILL STOP IF YOU STOP GIVING!

מענטשען אן אכאראקטער אן אנעוויסען וואס איזט פאהיג צוא בעגיין אלע זינדע אונ ווערען אלזוי העכסט ניט געליטען אין לאנד, אין מאנכע ציוויליזירטע לענדער ווערען זייא ארויס גישיקט אין ווייטע קאלאניען, אין אנדערע לענדער, לאזט מען אזעלכע מענטשען ניט צוא צוא קיין גאלקע וואר[פען], מען טרויט זייא קיין שבועה צו, מען נעמט זייא ניט אן פאר עדות, ווען מען דער וויסט איינעם בעטעלענד זעצט מען אים איין, אונ אויך דער וואס גיט אים ווערט בעשטראפט דער פאר, ווייל ער פערמעהרט דורך דעם בעטלער שטאנד אין לאנד, דאהער וואר פאר איאר עטליכע אונ צוואנציג דיא זיטע אין פרייסען אלס מען האט נאך גיהאלטען אין דער ארבייט אויס צו ראטען דעם בעטלערשטאנד פון דארט ניט אריין צו לאזען קיין ארעמען פרעמדלענדער אין לאנד וואו ער האט ניט אויפגעוויזען בייא דער גרענצע דאס ער האט בייא זיך אינם באר פופציג טאלער, דאמיט ער זאל ניט דארפען בעטלען דארט.

אונ ווען איך ברייר שוין איין מאל פון פרייסין מוז איך אייך מיט טהיילען איין קליין געשיכטעל וואס וואר דארט מיט מיר אין טילזיט, אין דעם ענין פון צדקה געבין, אונ דאס גלייכען דעם קליינעם געשפרעך וואס איך האב דארט גיהאט מיט דעם דארטיגען פריידיגער דאריבער, איין אלטער ארעמער טייץ האט מיך אמאל גיבעטין אין נאס איין נדבה ער האט זיך אבער פריהער ארום גיקוקט פון זאלע זייטען צו זעהעט עס נימאנד, גלייך וויא ער וואלט דא דארפען בעגיין איין פערברעכען, איך האב אים גיגעבין איינעם זילבער גראסען, דער אלטער האט זיך טיף פערנייגט פאר מיר אונ איזט זיך אוועק שנעל וויא ער וואלט אנטלייפען פון אגנבה, מיך האט עס גענוואונדערט, דען איך האב ניט גיוואוסט דאס בעטלעריי איזט דארט גירעכינט פיר איינע זינדע, קוים בין איך איינגיגאנגען צעהען אדער צוועלף טריט, האט מיך בעגעגענט איין בעקאנטער וואס האט עס צו גיזעהען פון וייטען, אונ האט



מיר גיזאגט „ליבער פריינד“, זיינען זייא ווייטער אשטראזנער מיט אייערע ליטהווישע צדקה געבען, עס איזט אייך איין גליק גשעהען דאס דיזעס האט קיין פאליציישקער גיזעהען, זאנסט העטע איר שוין איין טאלער שטראף געלט בעצאלט.

אונ דיזע ווארנונג האט מיך אזוי ווייט גערקריינקט דאס איך בין באלד אריין צו דעם דארטיגען פריידיגער דאס איך וואר מיט אים שוין בעקאנט, אונ האב עס אים פארגעהאלטין.

„אזוי אויך וואר אזיטע פון סדום“ האב איך צוא אים גיזאגט „דאס עס וואר פערבאטען דארט צוא געבען איינעם ארעמען איין שטיקכען ברויט“, אונ האב אים נאך אויפגיוויזען מאנכע שטעלען אין דער ביבעל (תנ״ך) וויא גרויס עס איז דער ענין פון צדקה, נון איזט מיר איין וואונדער אויף איהם וואס ער פריידיגט ניט דאריבער אין דער געמיינדע, דער פריידיגער אבער האט מיך אויס גיהערט גאנץ רוהיג, אונ דער נאך האט ער מיר איינע קלוגע אונ קורצע אנטווארט גיגעבין.

„מיינעט ניט ליבער לעטוואק“ האט ער זיך אפגירופין צו מיר „דאס אייערע ליטוואקעס זיינען גרעסערע בעלי צדקות אלס מיר זיינען, ניין מיר גיבען פיל מעהר צדקה אלס זייא, נור מיט איינע בערעכענונג, אונ מיט איין תכלית, בייא אייך לאדי וואס דיא ארעמקייט ווערט ניט גיהאלפען דורך אייערע צדקות ווערט זיא נאך גראדע פערגרעסערט דורך דעם, דען וואס איאר ווייטער ווערען מיר טייצען אלץ מעהר בעלאסטיגט פון אייערע שנארער דאס מיר האבין קיינע רוהע פון זייא. איך וועט פון זייא געפלאגט טאג טעגליך וואס קומען צוא מיר אין שטוב אונטער פערשיידענע פארמען פון בעטלעריי מאנכע מיט רעקאמאנדאציעס, אונ מאנכע מיט ספרים, אונ מאנכע אלס ענוות, אונ גלאט שנארער, אונ בייא אונז ווערט וואס איאר דיא בעטלעריי ווייניגער אונ ווייניגער, אונ דאס איזט נור ווייל מיר שטיצען מיט אונזערע צדקה נור דיא

ווירקליך הילפלאז זיינען , דאס הייסט אזעלכע וואס ווארן זייא גאנץ
אונמעגליך צו העלפען זיך אליין , אלטע , קראנקע , יתומים , פערקריפעלטע
דיזע זינד שוין גיזארגט פון דר געמיינדע אזו ווייט דאס זיי ברויכען
שוין ניט צו בעטלען , די געזונטע אבר מוזען זייער ברויט זעלבסט
פערדינען , דער צו נאך האבין מיר שולען גימאכט : דאס דיא קינדר
פון דיא ארעמע זאלין געניסען איינע ערציהונג , איינע האנדווערק
לערנן דאס זיי זאלין קענען זיך זעלבסט גענערען , אונ ניט בעטלען
גיין , זאנסט וואלטן מיר גיווארין בעפאלן מיט בעטלער אלס אייער
ליטע וואס יעדער האט דאס רעכט צו בעטלען אונ צוא שנארען
דען וואס נאך איז דעם מענטשן לייכטער אלס צו בעטלען , אונ
זאל שוין זיין גיזאגט , דאס על פי דין תורה דארף מען געבען יעדען
וואס שטעלט אויס אהאנד , דארפט איר אויך וויסען דאס בייא
אונז זיינען אנדערע לענדער אונ אנדערע צייטען , וואס מען קען
לעבען אן בעטלערייא , אונ צווייטענס וואס בעטלערייא שאדעט
דער מענטשליכע געזעלשאפט וויא מאיל איין וואלענעס קלייד ,
זעלבסט אין יענע צייטען נאך אלס מיר ווארען אין אונזער
אייגענעם לאנד , האט זיך אונזער אידעשע רעגירונג ערלויבט צו
בעגיין מיט איהרע פערברעכער פיל שטרייענגער אלס דיא געזעצע
פון דער תורה איז ; וויא מיר גיפינען דאס דוד המלך עליו השלום
האט גיפאסקענט דעם יעניגען וואס נתן הנביא האט אים אן
גיקלאגט דאס ער האט אוועק גינומען דיא איינציגע שעפשעלע
פון דעם ארעם מאן אונ האט עס געשלאכטעט פאר זיין גאסט
דאס ער זאל בעצאלען פאר איר פיר שעפשען אונ אים אליין
זאל מען טייטען , וואס על פי דין תורה האט אים גיקומט נור
צו בעצאלען פאר איר מיט איין פינפטעל מעהר , אונ אזוי זאגט
דער רמב"ם אין הלכות מלכים דאס דיא אידעשע קיניגע האבין
גיהאט דאס רעכט צו בעשטראפען מיט דעם טויט גאר אן דרישות
אונ אן חקירות , אונ פאר פיל קלענערע זינד אלס וויא אין דר תורה
שטייט ווייל אליין אלאנד דארף געפירט ווערען נור נאך איהר
צייט



צייט , נאך איהר מעמד , וויא דיא חז"ל זאגין (לא שהדין כך אלא
שהשעה צריכה לכך) , נון וואס זאלין מיר שוין ריידען איבער דעם ענין
פון בעטלעריי וואס זיא איזט העכסט שעדליך פאר אונזערע צייטין
וואס עס האט זיך אין זייא אלעס גיענדערט , אונ וואס דיא לעבענס
בעדירפענעס איז גרויס , אונ העכסט קאסטשפיליג , דאס מיט
בעטלערייא קען מען שוין ניט לעבען , אונ עס איז אויך שווער
צו געבען . איך האב ניט גיהאט וואס איינצווענדען דיזעס קלוגען
מאן אונ בין גיבליבין פון יענער צייט אן העכסט איינגענומען פאר
דיזע אידעע (גידאנקן) , אונ בין געבליבן עד היום העכסט אבגענייגט
צום בעטעלשטאנד , בפרט נאך בייא מיינעם וויסין דאס מיר
קענען דא אין רוסלאנד פיל בעסער לעבען ווען מיר וואלטען נור
וועלען , אונ געבען אונזערע קינדער איין בעסערע ערציהונג :

דיזער געשפרעך מייגער מיט דעם הערען וואלף ביגעלשטייג
וואלט זיך נאך פערגעזען זיך מער פערלייגערט ווען עס וואלט
אונז ניט אונטער בראכען (מפסיק גיווען) איין גרויסר שטורעם
וואס האט פלעצליך אויס גיבראכין דאס ער האט דעכער גיריסען ,
אונ דער צו נאך באלד דארויף איין גרויסער לארעם געשרייא פון
אונזער ווירטם פרוי אונ איר שוויגער טאכטער וואס זייערע מאנען
זארן דאן אויף דעם פיש פאנג אויף דעם מער , דען זייא האבין
זייא שוין גיהאלטען פאר פערלארען , דען דאס מער האט דאן
אזוי ווייט גערוישט אונ גיקאכט , דאס מען האט ניט גיהערט שוין
וואס אייגער רעט צו דעם אנדערען , זיין הוילען (וואויען) ווארן
שרעקליכעס פיל מעהר אלס פון טויזענד לאקאמאטיפען , דער
צו נאך ווארן גאנץ אונמעגליך ארויס צו שטעקען אנאז דרויסען ,
דען עס ווארן דער שטורעם גרויס , דער צוא נאך שרעקליך
גידערענט , געדונערט געבליצט , דאס מיר האבין שוין גימיינט
דאס דאס דיא וועלט האלט שוין בייא דעם אונטער גיין ,
מיר זיינען געבליבין זיצען וויא געלעמטע אין גרויס אנגסט דאס
דאס הויז זאל איבער אונז ניט צוא זאמען שטירצען , דיזע
שרעקליכע

שעקליכע שעכטע האט גידויערט ביז עס האט אנגעהויבען צו טאגען
אונ דאן איזט צו אונזער פרייד גיקומען אהיים דער ווירט מיט זיין
זאן פריש אונ גיזונט. דען זייא האבען גיהאט צייט נאך זיך צו רעטען
שווימענד אויף דעם ברעג, אונ זייגען פערבליבען דארט אין
איינעם פון דיא פישער שטיבלעך וואס איזט בייא דעם ברעג
וואס זייא האלטען דארט זייערע נעצען אונ זייערע וויאקלעס,
אונ האבען איבער דעם שטורעם גימוזט דארט פערבלייבען ביז טאג.

אונ דאן האט גינומען דער הער וואלף אבשייד פון אונז
אונ נאר העכסט צו פרידען פון אונזער דיפטוט אונ איזט אין דעם
וועלבען טאג אפ גיפארען, באלד נאך זייגעם אוועק גיין זייגען
מיר אונז גיגאנגען פארען, מיר האבען דער וויסט דאס מעער
גאנץ בעדעקט מיט שוים, אונ דעם ברעג בעדעקט מיט אויס
געווארפענע גראז, מיט שטעקלעך, מיט מושעלען, מיט טויטע
פיש אונ דאס גלייכען, אונ ער אליין נאר העכסט רוהיג גלייך וויא
ער וואלט אגאנצע נאכט גישלאפען, אונ גיווען גאנץ רוהיג.

איך האב נאך דעם מיך פערזאמט דארט אטאג צעהען,
אונ האב מיך געשיידעט פון דער פאמיליע האניקס וויא מיט
ברידער אונ שוועסטער, אונ בין נאך אצייט נאך דעם גישטאנען
מיט זייא אין איינעם בריפוועקסעל, אונ אזוי אויך נעם איך
אפ שייד פון דיר מיינע טייערע לעזערין, צוואר ניט אויף
לאנג (אי"ה) אונ בעט דיך דאס דוא זאלסט לעזען דיזע שריפטמעל
מיט איינער גרויסען אויפמערקזאמקייט, דען זיא איזט פיל מעהר
אלס איינע איינפאכע ערצעהלונג, דען זיא האט איין גרויסען
ציל, זיא בעצוועקט (איר תכלית איזט) דאס דוא זאלסט דיין
קינדער איינע גוטע ערציהונג געבען, דאס ער זאל קענען זיך
לעבען, דאס ער זאל קיין בעטלער דארפען זיין אונ פשיטא
שוין קיין בעטריגער, דען מיר לעבען שוין אין אנדערע צייטען,
אונזער צוויליזירטע לייטען.

ע נ ד ע

---

די"א

# בלוט האכצייט פון פאריז

אונד

איין עמוזאם פון דער רעפארמאציאן
אין טייצלאנד.

## ווילנא

בדפוס ר' יוסף ראובן ברי מנחם מן ראם

שנת תר"ל לפ"ק

ДИ БЛУТГОХЦЕЙТЪ.
т. е.
Кровавая свадьба. Историческій разсказъ.

ВИЛЬНА,
Въ типографіи Р. М. Ромма. 1870
На мудскомъ переулкѣ въ собственныхъ
домахъ подъ №№ 327 и 328.